בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

סעודה שלישית פרשת

## משפטים תשי"ד

**דרוש התעוררות מוסר לימי שובבי"ם ת"ת**

מחמת גודל הסמיות עינים, בדין הוא שיצאו חפשי מהגלות

• שייכות פרשיות משפטים תרומה תצוה, לסגולת התיקון בשנת העיבור • המשכן וכליו דוגמת ציור העולמות • עיקר עבודת ה' להלוך נגד טבעו ונגד מהלך העולם • מנהיגי ישראל המה עֵינֵי הָעֵדָה • לחכמי ישראל נמסר הכח לפעול בשמים בזכות שמירת משפטי התורה • החורבן בא בשביל הזלזול בבתי דינים • תמיד היו מְחַבְּלִים כְּרָמִים אבל היו צדיקים נגדם, והיום גם זה בבחינת סְמָדָר • מהתוכחה: שֶׁיִּשָּׁאֲרוּ מְתֵי מִסְפָּר הרוצים אֲשֶׁר יְנַהֵג ה' אותם • בכל זכות שעושין ישראל מקרבים הגאולה ונתמעט חבלי משיח •

נעתקו בלשון אידיש

**עם ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע"י

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040

**קונטרס 89**

61

---

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

**צו הערן די תורה ס"ג משפטים תשי"ד**

דרוקט: **#→614→2→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

**קלאָר** (50 מינוט)

★★★★☆

---

# • ברכת מַזָל טוֹב •

לכבוד הר"ר **יחיאל מיכל אהרן הכהן קאהן** הי"ו

לרגל שמחת נישואי בנו החתן **ישראל הכהן** נ"י

עב"ג בת הר"ר **ישראל צבי מענדלאוויטש** הי"ו

•

הר"ר **דוד לייב לעפקאוויטש** הי"ו

לרגל שמחת נישואי בתו עב"ג החתן **יחזקאל שרגא** נ"י

בן הר"ר **יואל פאשקעס** הי"ו

**החתונה תתקיים בעזהשי"ת ביום ד' פרשת תרומה באולם "עטרת גאלדא" בארא פארק**

והזמן גרמא להגיד לאדם ישרו, בברכת תודה, על אשר מקדיש מזמנו היקר למעננו בכל עת ועונה. וצרופה בזה ברכותינו מקרב הלב בשם כל הקהל הקודש שיושפע לו ממרום כל מיני השפעות טובות ויראה ברכה והצלחה במעשיו ידיו

**מערכת לשון קדשו**

•

זכות לימוד התורה דרבים וזכות רביה"ק זי"ע יגן עליהם, שהזיווגים יעלו יפה, ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, על דרך ישראל סבא, לעטרת תפארת אבותם.

•

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

לע"נ הרבני החסיד המפורסם, מופלג בחסידות ובמדות ישרות ויראה טהורה

מוה"ר **משה אלי'** בן מוה"ר **חיים אהרן** ז"ל **עסטרייכער**

כ"ח שנה התפלל תפלת שחרית בראש השנה כשליח ציבור במנין של רבינו זי"ע בביתו

נפטר כ"ח שבט תשל"ט

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת השבוע

א

במדרש: אם אין אתם שומרין הדינים הקב"ה נוטל את תורתו, ואם אתם משמרים הדינים הוא מחזיר הבתי דינים שלכם

[וְאֵלֶּה[א] הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם. במדרש רבה (ל, כג) הדא הוא דכתיב (תהלים צט, ד) וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב. אמר להם משה לישראל הרי נתן לכם הקדוש ברוך הוא את תורתו], הוי זהירין לשמור את הדינין.

אם אין אתם שומרין את הדינין, [אומר הקב"ה] הריני נוטל את תורתי מכם, שלא נתתי לכם את התורה אלא על מנת שתשמרו את הדינין [שנאמר וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב].

ואם אתם שומרים את הדינין, הריני מחזיר בתי דינים שלכם, שנאמר (ישעי' א, כו) וְאָשִׁיבָה שֹׁפְטַיִךְ כְּבָרִאשֹׁנָה וְיֹעֲצַיִךְ כְּבַתְּחִלָּה, [מה כתיב אחריו (שם כז), צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה].

ב

קושיא א

והוא תמוה, דהיכן מצינו שבשביל שאין משמרים חלק מן התורה יהא נוטלים כל התורה

א) ס'איז דאָך אַ פלא דער מדרש. ס'שטייט אין ישמח משה אויך (ריש פרשתן) [כמה ביאורים בדברי המדרש אלו, און זיי] פלאָגן זיך אַלע מפרשים.

[דלכאורה] וואו איז עפעס פאַרהאַנדן מ'זאָל זאָגן 'הריני נוטל את תורתי', חלילה אַז מ'היט נישט אָפּ אַ חלק תורה נעמט מען צו די [גאַנצע] תורה?, ווי איז דאָס פאַרהאַנדן?

ג

והלא אפילו במומר שדינו כגוי, מ"מ לא נפטר מחיוב שמירת התורה, ויקבל עונשים על כל מה שאינו מקיים

אפילו אַ מומר לכל התורה כולה, איז ער ווייטער מְצֻוֶּה [בכל התורה, דאף שדינו כנכרי ויינו יין נסך] פונדעסטוועגן אויף לקולא [לא נפטר מן הַמִּצְוֹת], איז ער ווייטער מְצֻוֶּה [בכל התורה, ואין נוטלין ממנו את התורה].

ווי די גמרא זאָגט [לגבי בני נח שלא קיימו השבע מצות, שעמד והתירן להן, ופריך] אִיתְגּוּרֵי אִיתְגַּר?, [וכי הִרְוִיחוּ וקבלו שכר במה שלא קיימו המצות?, הלא אם כן מצינו חוטא נשכר. ומתרץ שֶׁמְּצֻוִּים הם, רק שאינם מקבלים כל השכר. וכמו כן במומר] איז ער מְצֻוֶּה על כל התורה כולה[ב].

---

[א] חסר קצת בתחלתו על הריקארדינג.

[ב] עיין שו"ת רשד"ם (אה"ע סימן י). ועיין בדברי רבינו בס"ג ראה תשי"ט (לשון קדשו אות סג).

ועיין בשו"ת דברי יואל (סימן נט אות ה, במקוצר): ונמצא דהמומרים שלא באו כלל לברית, לא נתחייבנו עבורם בשום עַרְבוּת, אף שיש להם דין ישראל בשאר מילי. הגם שכתב הרמב"ם ז"ל וכו' אינן כישראל "לדבר מן הדברים" וכו', דבאמת מה שאמרו בגמרא אף על פי שחטא ישראל הוא, זה למדו מֵעָכָן וכו', ועכן לא היה אפיקורס אלא שעבר עבירה, אם כן על האפיקורסים אין לנו שום לימוד לומר עליו ישראל הוא וכו'. אלא מה שכתבו הפוסקים על כל המומרין שיש להם דין ישראל לענין קידושין וכל האיסורין שבתורה, הכוונה דלחומרא יש להם דין ישראל לכל מילי דאיסורא.

וטעמא דהך מילתא מובן היטב על פי הגמרא (ב"ק לח.) שקבלו עליהם שבע מצות בני נח ולא קיימום, וכו' שאפילו מקיימין אותם אין מקבלין עליהם שכר, עיי"ש. א"כ מבואר בזה שאי אפשר לומר כלל שע"י רשעת האדם יהי' נפטר מאיזה איסור, דאם כן מצינו חוטא נשכר, וזה אי אפשר, כתמיהת הש"ס בזה. וע"כ ברור דעת הפוסקים בזה דאף במומר להכעיס ואפיקורס, שהופקע ממנו לגמרי קדושת ישראל, מכל מקום אי אפשר לפוטרו מן שום איסור וחייב בכל המצות שבתורה. ומה שהשתמשו הפוסקים לפעמים בלשון "אף על פי שחטא ישראל הוא" אצל כל המומרין, אינו אלא 'לשון מושאל', ואינו מן אותו המקור שלמדו בגמרא מקרא דכתיב גבי עכן, אלא מטעמא אחרינא כמו שכתבתי, וכוונתם דלחומרא בכל מילי דאיסורא אומרים על כולם אע"פ שחטא ישראל הוא, וכמה פעמים משתמשים הפוסקים בלשונות מושאלים היכא שהדין דין אמת.

KolSatmar.com

### ד

[ואם כן קשה על המדרש, וכי] אַז מ'היט חלילה נישט אָפּ אַ חלק תורה, נעמט מען צו די תורה?, וואו געפינט מען דאָס?, וויאַזוי נעמט מען, וואו געפינט מען דאָס אַז מ'נעמט צו. נו וואָס האָט מען געגעבן די תורה הקדושה נאָר על מנת שתשמרו את הדינין?.

### ה

### קושיא ב

גם צ"ב המשך דברי המדרש, דברישא מדבר מן "התורה", ובסיפא מדבר מן "בתי דינים"

ב) און דערנאָך, וואָס לאָזט ער אויס [=שמסיים], אם אתם שומרים את הדינין הריני מחזיר "בתי דינים שלכם" [שנאמר] וְאָשִׁיבָה שֹׁפְטַיִךְ כְּבָרִאשֹׁנָה וְיֹעֲצַיִךְ כְּבַתְּחִלָּה.

[דלכאורה] רישא לאו סיפא וסיפא לאו רישא, ער הייבט אָן מ'זאָל אָפּהיטן די דינים, און אַז מ'היט נישט אָפּ די דינים חלילה נעמט מען צו די "תורה", און דערנאָכדעם לאָזט ער אויס אַז דורך שמירת הדינים וועט מען ענק צוריקגעבן ענקערע "בתי דינים", איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש, [דפתח בתורה ומסיים בבתי דינים].

### ו

### קושיא ג

וכן צ"ב אומרו שאם שומרים הדינים הריני "מחזיר" הבתי דינים,

דיותר היה לו לומר שאם שומרים הדינים לא יתבטלו הבתי דינים שלכם, דאז לא היו בגלות ולא היו צריכים "להחזיר"

ג) און דערנאָך וואָס זאָגט ער עפּעס איך וועל ענק "צוריקגעבן" [בתי דינים שלכם], ווען מ'העט כסדר גיווען געהאַלטן [הדינים], העט דאָך גאָרנישט געווען קיין חורבן, העט מען גאָר קיינמאָל נישט גיווען 'צוגענומען' די בתי דינים. דאָס האַלט דען דאָך צוריק [הישועה ובנין המקדש].

דער מדרש זאָגט דאָך[ג], דאָס חורבן איז אויך נאָר געווען ווייל מ'האָט אָנגעהויבן [לזלזל בדינים], ווייל מ'האָט מזלזל געווען אין דינין.

[ואם כן אם היו שומרים את הדינים] העט דאָך גאָרנישט געווען קיין חורבן, [ולפי זה] העט ער געדאַרפט זאָגן אם אתם שומרים את הדינים [לא יטלו מכם הבתי דינים] העט גאָרנישט געווען גיווען קיין 'אַנדערע' בתי דינים קיינמאָל, וואָס זאָגט ער אני "מחזיר" לכם בתי דינים.

---

[ג] **במדרש רבה כאן** (ל, כד): דבר אחר, ואלה המשפטים, הה"ד (ישעי' נו, א) כֹּה אָמַר ה' שִׁמְרוּ מִשְׁפָּט וַעֲשׂוּ צְדָקָה כִּי קְרוֹבָה יְשׁוּעָתִי לָבוֹא וכו' אמר הקב"ה אני מביא את הישועה, שנאמר (תהלים ג, ט) לַה' הַיְשׁוּעָה, ומי שהוא עושה משפט כותב אני עליו שהוא מקרב את הישועה. וכן אתה מוצא ביהושפט שעשה שופטים שנאמר (ד"ה ב' יט, ה) וַיַּעֲמֵד יהושפט שֹׁפְטִים, וכשבאו בני עמון ומואב הן היו עומדין והקב"ה עושה מלחמתן, שנאמר (שם כ, טו) כִּי לֹא לָכֶם הַמִּלְחָמָה כִּי לֵאלֹקִים, כשם שאמר משה רבינו ע"ה (בשלח יד, יד) ה' יִלָּחֵם לָכֶם, למה, מפני שעשו את הדין גרמו הישועה שתבא, לכך נאמר שִׁמְרוּ מִשְׁפָּט וַעֲשׂוּ צְדָקָה, הוי וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים, מה כתיב אחריו, כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי.

**ובתנחומא** (שופטים א) לא חרבה ירושלים אלא על קלקול הדין. [ובפירוש קלקול הדין עיין מה שכתב **במהרש"א** (שבת דף יג: ודף לג.)]. – **ובגמרא גיטין** (פח.) אמר רבי יהושע בן לוי, לא חרבה ארץ ישראל עד שעבדו בה שבעה בתי דינים עבודה זרה. והובא **בילקוט שמעוני** (ואתחנן רמז תתכז).

**ובגמרא שבת** (קלט.): תניא רבי יוסי בן אלישע אומר אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל, שכל פורענות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל וכו'. ואין הקב"ה משרה שכינתו על ישראל עד שיכלו שופטים ושוטרים רעים מישראל, שנאמר (ישעי' א, כה-כו) וְאָשִׁיבָה יָדִי עָלַיִךְ וְאֶצְרֹף כַּבֹּר סִיגָיִךְ וְאָסִירָה כָּל בְּדִילָיִךְ, וְאָשִׁיבָה שֹׁפְטַיִךְ כְּבָרִאשֹׁנָה וְיֹעֲצַיִךְ כְּבַתְּחִלָּה וגו'. אמר עולא, אין ירושלים נפדה אלא בצדקה, שנאמר (שם, כז) צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה.

KolSatmar.com

## ז

### קושיא ד

בילקוט הובא בישמח משה: הכתבתי בתורה וְכִי יַכֶּה אִישׁ אֶת עֵין עַבְדּוֹ וגו׳ לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ, ואני הכיתי שתי עיניהם של בָּנַי, אינו בדין שיצאו לחפשי. ומסיים: אמר רבי ברכיה, הכתבתי בתורה שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם. - וצ״ב להבין שייכות דברי ר׳ ברכיה לתחלת דברי המדרש

**[שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם]. דער זיידע זכרונו לברכה אין ישמח משה ברענגט ער אַ מדרש, ברענגט ער אַ מדרש אין צפניה אין ילקוט**[ד]**,** [בפסוק] **בָּעֵת הַהִיא אֲחַפֵּשׂ אֶת יְרוּשָׁלַיִם בַּנֵּרוֹת, אל תקרי אֲחַפֵּשׂ** [בסמ״ך] **אלא אֲחַפֵּשׁ** [בשי״ן]**, אֶעֱשֵׂם חָפְשִׁים, איך וועל זיי מאַכן פריי, דכתיב** (בפרשתן כא, כו) **לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ תַּחַת עֵינוֹ, אני שסימיתי את** [שתי] **עיניהם, שנאמר** (ישעי׳ כט, י) **וַיְעַצֵּם אֶת עֵינֵיהֶם**[ה]**, שסימיתי את עינם, אינו בדין שיצאו חפשי?. אמר רבי ברכיה, כתיב שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם.**

**ד) ס׳איז דאָך אַ פלא דער מדרש, ער הייבט אָן ״שסימיתי עינם״, און לאָזט אויס** [=שמסיים] **רבי ברכיה זאָגט ״שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד״.** [ואינו מובן הקישור מזה לזה].

## ח

**דער ישמח משה זאָגט** (בד״ה אשר תשים לפניהם) **אַז ׳דאָס׳ איז אַ תירוץ אויף ׳דעם׳.** [כי] **לכאורה דאַרף מען צו זיין חָפְשִׁי** [כיון שנסמא עיניהם, וכמו שאמר המדרש ברישא, ולזה אמר רבי ברכיה] **און פון דאַנעט** [מפסוק שֵׁשׁ שָׁנִים ׳יַעֲבֹד׳] **איז געדרינגען אַז מ׳איז נישט קיין ׳עבד׳** [בגלות, כיון שהגאולה יכול להיות בכל יום][ו].

[אמנם] **לכאורה איז אַלץ נאָך שווער צו פאַרשטיין. ער איז מאריך דאָרט דערינען.**

## ט

### [קושיא ה - מתוך הדרוש]

גם יש להבין ענין ״עצימת והכאת עינים״ המוזכר כאן

ה) [גם יש להבין מהו הכוונה במאמר הכתוב וַיְעַצֵּם אֶת עֵינֵיהֶם, ובמה שאמרו במדרש שהקב״ה אומר אני הכיתי את שתי עיניהם של בָּנַי]. (הקושיא בדברי רבינו באות מא)

## י

### קושיא ו

במסורה: מצינו שלש פעמים ״כְּצֵאת״. וצ״ב השייכות

**וְכִי יִמְכֹּר אִישׁ אֶת בִּתּוֹ לְאָמָה לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים.**

**ו) די מסורה זאָגט** [שבג׳ פסוקים מצינו בתנ״ך תיבת ״כְּצֵאת״]**: לֹא תֵצֵא ״כְּצֵאת״ הָעֲבָדִים. וְהָיָה ״כְּצֵאת״ מֹשֶׁה אֶל הָאֹהֶל** (שמות לג, ח)**.** [וְאֹהֲבָיו] **״כְּצֵאת״ הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ** (שופטים ה, לא)**.** [ויש לבאר שייכות פסוקים אלו מזה לזה].

---

[ד] **בילקוט שמעוני** (צפניה רמז תקסז) **וְהָיָה בָּעֵת הַהִיא אֲחַפֵּשׂ אֶת יְרוּשָׁלַיִם בַּנֵּרוֹת** (שם א, יב)**. אמר רבי אחא, לא תהא קורא בסמ״ך אלא בשי״ן, אֲחַפֵּשׁ. אמר הקב״ה מוציא אני אותה לחירות, כשם שהכתבתי בתורה וְכִי יַכֶּה אִישׁ אֶת עֵין עַבְדּוֹ אוֹ אֶת עֵין אֲמָתוֹ וְשִׁחֲתָהּ לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ, ואני הכיתי את ׳שתי׳ עיניהם של בָּנַי, שנאמר** (ישעי׳ כט, י) **כִּי נָסַךְ ה׳ עֲלֵיהֶם רוּחַ תַּרְדֵּמָה וַיְעַצֵּם אֶת עֵינֵיהֶם, אינו בדין שיצאו לחפשי?. אמר רבי ברכיה, הכתבתי בתורה שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם.**

[ה] פירוש סגר את עיניהם, שזה נקרא ׳עצימת׳ עינים, וכלשון הכתוב וְעֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע (ישעי׳ לג, טו).

[ו] דלשון עבד הוא רק כשיש זמן מוגבל בהכרחי, כמו בעבד עברי שבהכרח שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד ואי אפשר לחזור בו באמצע, משא״כ בדין ׳פועל׳ שיכול לחזור בו בחצי היום, מטעם שנאמר (בהר כה, נה) כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל ׳עֲבָדִים׳, ולא עבדים לעבדים, כמבואר בגמרא (בבא קמא קטז:), ועיין ביש״מ באורך.

KolSatmar.com

יא

# דברי התעוררות לימי שובבי"ם ת"ת

[הקדמה לישוב קושיא ו]

## דברי הזוהר ברמז הפסוק לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים

דהפסוק מרמז שאם יעשו תשובה בעודן בגלות אז יהיה הגאולה באופן נעלה, בבחינת יציאת שָׂרִים, משא"כ אם לא יעשו תשובה מעצמם אף שלבסוף בהכרח שיעשו תשובה ע"י ביאת אליהו ועמו משה רבינו, אבל אז הוא כְּצֵאת 'הָעֲבָדִים' שיוצאין ח"ו מלוכלך בחובין

**דער זוהר הקדוש זאָגט**[ז] [לרמז בפסוק] **וְכִי יִמְכֹּר אִישׁ אֶת בִּתּוֹ לְאָמָה. וְכִי יִמְכֹּר "אִישׁ", אִישׁ זה הקב"ה** [שנאמר] **ה' אִישׁ מִלְחָמָה** (בשלח טו, ג), **אֶת "בִּתּוֹ" זה כנסת ישראל, וְכִי יִמְכֹּר אִישׁ אֶת בִּתּוֹ לְאָמָה, לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, מְלֻכְלָךְ בְּחוֹבִין, מ'זאָל נישט אַרויסגיין אַזוי ווי עבדים מְלֻכְלָךְ מיט חוֹבִין.**

יב

[והביאור בזה, דהנה] **דאָס איז דאָך זיכער, די גאולה איז דאָך אַמאָל מובטח פון הקב"ה, דאָס מוז דאָך אַמאָל זיין. נאָר אלמלי אַז מ'איז 'זוכה' גייט מען אַרויס, אויף אַן אַנדערן אופן גייט מען אַרויס, וועט עס קומען מיט אַ כח הקדושה, בבחינת 'שָׂרִים',** [ולא כצאת 'העבדים'].

**דער סוף וועט דאָך אַמאָל זיין** [אַז] **אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן,** [און] **מ'וועט דאָך אַמאָל אידן תשובה טון. אפילו ווען חלילה נישט היצטערט** [בעודן בגלותן, שלא יעשו תשובה מעצמם], **וועט קומען אליהו, אַזוי ווי חכמינו ז"ל זאָגן דאָך** (עדיות ח, ז. פרקי דר"א, סו"פ מג), **און מיט אליהו'ן וועט מיטקומען משה רבינו** (כדלהלן בשם המדרש פרשת עקב), **ממילא וועט מען דאָך אידן מחזיר זיין בתשובה** [בעת ביאת אליהו].

**דער רמב"ם**[ח] **זאָגט דאָך אויך אַזוי, אַז פריער** [קודם ביאת משיח] **וועט קומען אַ נביא לְיַשֵּׁר את העם לתשובה, שנאמר** (מלאכי ג) **הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה'. און ס'שטייט אַרויס אין מדרש פרשת עקב** (דב"ר ג, יז) **אַז משה רבינו וועט מיטקומען** [עם אליהו, וממילא] **וועלן דאָך אַמאָל אידן זיכער תשובה טאָן.**

**אָבער אינו דומה** [לזה, אם עושין תשובה בעודן בגלות, דאז יהיה הגאולה באופן יותר נעלה].

---

[ז] **בזוהר הקדוש** (בפרשתן צד:): **תָּא חֲזֵי וכו', הָכָא אִית "אִישׁ", דְּאִתְּמַר בֵּיהּ ה' אִישׁ מִלְחָמָה וכו'. וְכִי יִמְכֹּר אִישׁ, דָּא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אֶת בִּתּוֹ, אִלּוּ יִשְׂרָאֵל, דְּאִינּוּן מִסִּטְרָא דְּבַת יְחִידָה, אִתְקְרִיאוּ בִּתּוֹ. וְאִי תֵּימָא דְּיִפְקוּן, כְּגַוְונָא דְּאִלֵּין מִסִּטְרָא דְּעֶבֶד, דְּאִיהוּ מְטַטְרוֹ"ן, דְּנַפְקוּ בִּמְנוּסָה מִמִּצְרַיִם, לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, הֲדָא הוּא דִכְתִיב** (ישעי' נב, יב) **כִּי לֹא בְחִפָּזוֹן תֵּצֵאוּ וּבִמְנוּסָה לֹא תֵלֵכוּן.**

עוד איתא **בזוהר הק'** (דף צו:-צז.). **וְכִי יִמְכֹּר אִישׁ, דָּא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. אֶת בִּתּוֹ, דָּא נִשְׁמְתָא קַדִּישָׁא. לְאָמָה, לְמֶהֱוֵי אָמָה מִשְׁתַּעְבְּדָא בֵּינַיְיכוּ בְּהַאי עָלְמָא. בְּמָטוּ מִנַּיְיכוּ, בְּשַׁעֲתָא דְּמָטֵי זִמְנָא לְנָפְקָא מֵהַאי עָלְמָא, לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, לָא תֵּפּוֹק מִתְטַנְּפָא בְּחוֹבִין, תֵּפּוֹק בַּת חוֹרִין, בְּרִירָה נְקִיָּה, בְּגִין דְּיֶחֱדֵי בָּהּ מָארָהּ וְיִשְׁתַּבַּח בָּהּ, וְיָהִיב לָהּ אֲגַר טָב בִּצְחִצוּחֵי דְּגִנְתָא דְּעֵדֶן וכו'. אֲבָל אִם רָעָה בְּעֵינֵי אֲדֹנֶיהָ, כַּד נָפְקַת מְלוּכְלָכָא בְּטִנּוּפֵי חוֹבִין, וְלָא אִתְחֲזִיאַת קַמֵּיהּ כִּדְקָא יָאוּת, וַוי לְהַהוּא גּוּפָא דְּאִתְאֲבִיד מֵהַהִיא נִשְׁמְתָא לְעָלְמִין וְכוּ'.**

[ח] **ברמב"ם הלכות תשובה** (ז, ה) **כתב: כל הנביאים כולן צִוּוּ על התשובה, ואין ישראל נגאלין אלא בתשובה, וכבר הבטיחה תורה שסוף ישראל לעשות תשובה בסוף גלותן ומיד הן נגאלין שנאמר וְהָיָה כִּי יָבֹאוּ עָלֶיךָ כָּל הַדְּבָרִים וגו' וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ, וְשָׁב ה' אֱלֹקֶיךָ [אֶת שְׁבוּתְךָ] וגו'.**

**ובהלכות מלכים** (יב, ב) **כתב: יראה מפשוטן של דברי הנביאים, שבתחילת ימות המשיח תהיה מלחמת גוג ומגוג, ושקודם מלחמת גוג ומגוג יעמוד נביא לְיַשֵּׁר ישראל ולהכין לבם, שנאמר** (מלאכי ג, כג) **הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה וגו'. ואינו בא לא לטמא הטהור, ולא לטהר הטמא, ולא לפסול אנשים שהם בחזקת כשרות, ולא להכשיר מי שהוחזקו פסולין, אלא לשום שלום בעולם, שנאמר** (שם כד) **וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים.**

KolSatmar.com

יג

דורך דעם [שעדיין לא עשו תשובה] איז דאָך די גרויסע שוועריגקייטן, די גרויסע ביטערע חבלי משיח, ביז דערווייל, [צוליב] דער גרויסער קטרוג.

אלמלי ווען ס'העט געווען צווישן אידן אַ כח התשובה, העט דאָך די גאולה געקומען אויף אַן אַנדערע בחינה, אויף אַ לייכטערן אופן. ס'העט נישט געווען די גרויסע צרות, נישט כְּצֵאת 'הָעֲבָדִים', אַזוי שווער.

[משא"כ אַז] מ'איז מְלַכְלֵךְ בְּחוֹבִין, דורכדעם מאַכט דאָס דעם גרויסן קושי, דעם קושי השעבוד, מיט די אַלע גרויסע נסיונות. [ווייל] ס'איז דאָ דער גרויסער קטרוג, און ס'איז נישטאָ מיט וואָס עומד צו זיין אַקעגן קטרוג. די גאולה וועט מוזן זיין נאָר [על דרך] לְמַעֲנִי לְמַעֲנִי אֶעֱשֶׂה (ישעי' מח, יא), הקב"ה וועט אויסלייזן פונעם גלות בלויז וועגן "כבוד שמים". דורכדעם זענען דאָך די שוועריגקייטן.

יד

אָבער 'יעדער זכות' וואָס אידן טוען, העלפט 'עפּעס' מיט, איז 'ממעט' דאָס גלות און די חבלי משיח, [ס'איז ממעט] די שוועריגקייטן 'פאַר' די גאולה.

טו

נאָר בעוונינו הרבים דער גרויסער עומק פון די עֲוֹנוֹת, דער עון הדור, איז עס שווערער, און ס'האָט געברענגט צו דעם וואָס ס'האָט געברענגט. איבערדעם זענען די גרויסע שוועריגקייטן.

טז

## בשנת העיבור הוסיפו עוד ב' שבועות לתיקון ימי השובבי"ם

### ועיקר סגולת השובבי"ם הוא בשנת העיבור

שאז ניכר יותר חסרון מהלך הלבנה נגד מהלך החמה, ומתעורר הקטרוג שנגרם עי"ז

איבערדעם איז טאַקע די זמנים, די ימי השובבי"ם, די זמנים [שקורין בהם] פון "יציאת מצרים" ביז נאָך "קבלת התורה", וואָס ס'איז געשטעלט אויפ'ן תיקון פון חטא הידוע.

דאָס איז דאָך איינס פון די יסודות, אין דעם איז תלוי די גאולה, אַזוי ווי ס'איז ידוע.

איבערדעם אין די זמני הגאולה ביז נאָך קבלת התורה [הימים מסוגלים לתיקון זה], געוויינטליך אין אַ "פשוט יאָר" איז עס ביז נאָך [פרשת] משפטים, משפטים איז די לעצטע וואָך פון די ימי השובבי"ם, אין אַ "שנת העיבור" האָט מען מוסיף געווען די צוויי וואָכן פון שובבי"ם ת"ת, דאָס איז תרומה תצוה [שקורין בהם] פון בנין בית המקדש, דאָס זענען די צוויי וואָכן וואָס ס'איז מלאכת המשכן.

איבערדעם אין אַ שנת העיבור ווען עס איז דער 'קטרוג הלבנה' גרעסער, ווייל [מחמת] דער עיבור איז מער ניכר [חסרון הלבנה], איז דער תיקון מער הכרח[ט]. איבערהויפּט [אַז] דער עיקר ימי השובבי"ם [בכלל] זענען דאָך אין אַ שנת העיבור.

---

[ט] כמובא בשל"ה הקדוש (ריש פרשת שמות, דרוש שובבי"ם ת"ת) וז"ל: ועתה הנני נותן טעם למה בשנת העיבור מהראוי לעשות תשובה ביותר משאר השנים. רבותינו ז"ל אמרו (חולין ס:), שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים (בראשית א, טז), חמה ולבנה שוים נבראו והיו משתמשים בכתר אחד, ואחר כך מחמת הקטרוג אמר לה הקב"ה לכי ומעטי את עצמך. והנה רז"ל דברו בחמה ולבנה התחתונים הנראות לנו, אבל בומזים לחמה ולבנה העליונים וגבוה מעל

KolSatmar.com

**איבערדעם אין אַ שנת העיבור, איז דאָס אַן הוספה צו די ימי השובבי״ם, די צוויי וואָכן, די זמנים.** [כי אָז נתעורר הקטרוג, בבחינת] **הביאו עלי כפרה על שמיעטתי את הירח** (חולין ס:)**. איבערדעם איז דער שנת העיבור** [ראוי ביותר לעשות תשובה].

**יז**

**שייכות פרשת משפטים, לסגולת התיקון בשנת העיבור**

(עד אחר אות כ)

[קצת הקדמה לישוב קושיא **א-ב-ג**]

בפרשה זו רָמוּז הכח שנמסר לבית דין שלמטה, למשול על התנהגות העולמות עליונים ותחתונים

**אין פרשת משפטים איז דאָך דאָס תלוי** [התיקון, וטעם בזה יש לומר, על דרך שביארתי המדרש, וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים, הדא הוא דכתיב מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב] **חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל** (כדלקמן)**.**

**קען זיין** [בביאור שייכות התיקון]**, - אַזוי ווי איך האָב נעכטן אויפדערנאַכט געזאָגט** [בביאור זה המדרש (כדלקמן)]**, - דאָס איז די זמנים** [המסוגלים לתיקון בשנת העיבור]**.**

[דהנה] **די** [חכמים] **וואָס זענען טאַקע, וואָס זענען** [געווען] **׳סמוכים׳, סמוכים** [=שהיה להם סמיכה] **לקידוש החודש,** [היה להם הכח להנהיג כל העולמות על פיהם]**.**

**ווי איך האָב נעכטן געזאָגט** (בסעודת ליל ש״ק) [לבאר] **וואָס דער מדרש זאָגט׳, -** [על דרך שאמרו (שמו״ר טו ב, ובירושלמי דלקמן) בפסוק] **לָקֵל גֹּמֵר עָלָי, -** [וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים, הדא הוא דכתיב] **מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל** (תהלים קמז, יט-כ), [ומסיים הכתוב] **פונדעסטוועגן איז לֹא עָשָׂה כֵן** [לְכָל גּוֹי] **וגו׳.**

[וביארתי הכוונה] **אַז דער ׳דיבור׳** [של בני ישראל] **איז אַ ״מעשה״, אַז ס׳ווערט ׳געטון׳** [על פיהם]**, די ״התנהגות העליונים״ ווערט ׳געטוהן׳** [על פי דיבורם]**, אפילו ווען דאָס בית דין האָט מקדש החודש געווען** [למחרתו ונמלכו מלקדש היום, הכל נמשך בשמים ובארץ אחר קידוש בית דין]**.**

**ווי דער מדרש זאָגט** (ירושלמי נדרים פ״ו ה״ח)**, קטנה בת ג׳ שנים אֵין בתוליה חוזרים, און אַז מ׳האָט מְעַבֵּר געווען השנה איז צוריק בתוליה חוזרים,** [ועל זה נאמר] (תהלים נז, ג) **לָקֵל גֹּמֵר עָלָי.**

**דאָס ווערט דאָך גע׳פסק׳עט על פי הלכה, אַקעגן זמנים, אַזוי ווי דער ש״ך** (יו״ד קפט, יג) **ברענגט עס אויך דאָרט אַקעגן וסתות, אַקעגן אַלעמען, אַז שיפורא איז גרים**[יא]**,**

---

גבוה, כמבואר לחכמי המקובלים. עוד נודע ונתפרסם בספריהם כי מכח ענין קטרוג הזה נמשך למטה קטרוג הקליפה, הוא היצר הרע הוא השטן היורד ומחטיא ועולה ומקטרג. ולעתיד יהיה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה (ישעי׳ ל, כו), ויתבטלו הקליפות ויהיו כולם יודעים את ה׳ ולא יהיה יצר הרע. ועתה אודיעך, אם לא היה ענין מיעוט הירח, לא היה לעולמים שום עיבור, כי בודאי אם היו משתמשים בכתר אחד היה סיבובם ומהלכם שוה. ועתה שנתפרדו אז אין מהלכם וסיבובם שוה, וצריכין לעשות שבע עיבורים במחזור, כדי להשוות שנות הלבנה דהיינו י״ב חדשי השנה, שיבא בשנה לשנת החמה שהיא שס״ה יום, כדי שיבא פסח בחודש האביב, וסוכות בשעתו בזמן האסיף. נמצאו העיבורין שבאו מכח הקטרוג, הם גרמו שנתהוו קטרוג שלמטה המביא לידי חטא, על כן בשנת העיבור ראוי ביותר לתשובה.

[י] בשמות רבה כאן (ל, ט): **ואלה המשפטים, הדא הוא דכתיב מגיד דבריו ליעקב אלו ׳הדברות׳, חוקיו ומשפטיו לישראל אלו ׳המשפטים׳,** לפי שאין מדותיו של הקב״ה כמדת בשר ודם, מדם בשר ודם, מורה לאחרים לעשות והוא אינו עושה כלום, והקב״ה אינו כן, אלא מה שהוא עושה הוא אומר לישראל לעשות ולשמור וכו׳.

גם אמרו בשמות רבה פרשת בא (טו, כה): **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם** (בא יב, ב), **הדא הוא דכתיב מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב** זו ׳התורה׳, **חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל** אלו ׳קדושי החדשים׳ שיש בהם חוקים ומשפטים, **חוקים** אלו המועדים שתלוים בהם המשפטים, ואין חקיו אלא חגים, שנאמר (תהלים פא, ה) כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא וכו׳.

[יא] פירוש: השופר הוא הגורם. והוא מלשון הגמרא (נדה לח.), ופרש״י, שופר שתוקעין בו בית דין בקידוש החודש.

KolSatmar.com

אַז דער 'חודש' איז גורם. [ווייל] אַז דאָס בית דין זאָגט אַזוי, אַז מ'האָט געשטעלט דעם חודש [ביום אחר], ווערט דאָס התנהגות העולמות אויכעט [נמשך] על פי בית דין.

[ועל זה מסיים הכתוב לא "עָשָׂה" כֵן לְכָל גּוֹי, שאין 'הדיבור' לבד נחשב אצלם 'כעשייה'][יב].

[וזה רמוז גם באומרו וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, ולא אמר אשר תלמדם, שרצה לרמז על ישראל שיהיה המשפטים של בי"ד, אף כשהוא רק באמירת הפה, יחשב להם כשימה ממש שהוא מעשה, וז"ש רש"י לפניהם ולא לפני אומות העולם, שאצלם לא שייך ענין זה שהדיבור יהא נחשב כמעשה][יג].

[ועל כן בזה יש להבין שייכות פרשת משפטים לסגולת ימי שובבי"ם ת"ת בשנת העיבור בפרטיות, שאז הוא עיקר סגולת ימי השובבי"ם, וכדיבואר לקמן בסמוך לענין פרשת תרומה ותצוה].

### יח
### שייכות פרשת תרומה ותצוה, לסגולת התיקון בשנת העיבור
בתבנית המשכן וכליו רמוז ציור העולמות עליונים ותחתונים, שמתנהג העל על פי כח הבי"ד שלמטה

איבערדעם אַז דער בורא עולם האָט געגעבן [לבני ישראל] דעם כח פון קידוש החודש [שכל ציור והתנהגות העולמות מתנהג על פי בני ישראל, וכענין זה הוא גם במלאכת המשכן שבפרשת תרומה ותצוה].

איבערדעם דאָס תַּבְנִית הַמִּשְׁכָּן וְאֵת [תַּבְנִית] כָּל כֵּלָיו (תרומה כה, ט), וואָס מ'זאָל טאָן און וועלכעס מ'זאָל מאַכן [הוא נגד ציור העולמות כמבואר בספרים הקדושים, וכן] זאָגט דאָך דער רמב"ם[יד] אויכעט, אַז דער גאַנצער ציור העולם [מרומז בתבנית המשכן].

אַזוי ווי ס'שטייט יודע היה בצלאל, די גמרא זאָגט (ברכות נה.) יודע היה בצלאל לצרף אותיות שנבראו בהם שמים וארץ, אין די גאַנצע מלאכת המשכן איז געלעגן די צורות פון בריאת שמים וארץ[טו], איז געלעגן אין דעם דער כח [אויך, שכל הנהגת בריאת שמים וארץ הוא בכח הבית דין שלמטה].

### יט
וכח הבי"ד שלמטה ניכר ביותר בשנת העיבור, איך שבני ישראל קובעים החדשים והשנים, והכל מתנהג על פי קביעותם

איבערדעם אין אַ שנת העיבור וואָס עס 'ווייזט' אויף דעם וואָס חכמינו ז"ל האָבן מְעַבֵּר געווען את השנה, [ושעל פי קביעותם] גייען די אַלע מועדים און די גאַנצע עבודה [והתנהגות כל העולמות] מיט'ן כח פון חכמינו ז"ל.

---

[יב] ועיין כעין בחינה זו, בקדושת יום טוב (בתחלת פרשתן, אופן ד).

[יג] מתוך דברי הקדושת יום טוב (שם). ועיין עוד בחינה זו (ע"פ הקדמות אחרות) בדברי יואל בפרשתן (עמוד קכד). וע"ע שם (עמוד קמד, ופ' תשא ריש עמוד שיח).

[יד] עיין בכתבי הרמב"ם (בפרקי ההצלחה, באגרת לבנו) וז"ל: ודע בני אברהם ירחמך הקל יתברך, כי המשכן וכליו בא המשל בו על גוף נכבד. והתחיל ב'ארון' אשר הוא 'הלב' בלא ספק וכו'. וב'ארון' גם כן ה'לוחות' אשר הם ה'שכל האנושי'. ובאומרו וְהָיוּ הַ'כְּרֻבִים' פֹּרְשֵׂי כְנָפַיִם וגו' (תרומה כה, כ), המשל בזה ב'ריאות', וה'שולחן' משל על ה'כבד', וה'מנורה' משל על ה'מרה'. ו'מזבח העולה' אשר נאמר בו אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד וגו' (ויקרא ו, ו), המשל בו על ה'חום הטבעי', ו'מזבח הקטורת' הוא ה'שפע'. - והאמת והנכון הוא מה שביאר בו החכם רבי אברהם אבן עזרא זצ"ל (תרומה כה, מ) [שמרמז לעולם העליון, כי האדם כדמות עולם קטן], נאמר לי עליו שהוא חיבר בפירוש התורה וגילה בו סודות עמוקות ועצומות, לא יבינם אלא מי שהוא במדרגתו, והם השרידים אשר ה' קורא. והוא זצ"ל דיבר בפרשת ואלה המשפטים בפסוק הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ וגו', מאמר נכבד על השמש ועל הירח, ודברים נעימים, אין ראוי שיבינם כל אדם, וזה הוא אמרו שם אור הירח הוא מאור השמש. ואני אגלה לך בני קצת מדבריו. דע כי השמש אשר אמר הוא השכל האלקי, והירח הוא השכל האנושי, ימשוך השפע ממנו על איזה צד שיהיה לפי גילוי המשל, שהירח אין לה אורה ולא בהירות אלא מהשמש. עכ"ד הרמב"ם.

וכ"כ הרבינו בחיי (תרומה כה, ט). ועיין בספר שערי קדושה לרבינו חיים וויטאל (שער שני ח"ג) שהאריך בזה ע"פ הכתוב (בראשית א, כו) נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ.

[טו] ועיין מהרש"א (חידושי אגדות ברכות לג. ד"ה גדולה דעה).

KolSatmar.com

דאָס זעלבע איז געווען ביי מלאכת המשכן, איבערדעם האָט מען ׳דאָס׳ מוסיף געווען אין אַ שנת העיבור צו די ימי השובבי״ם, אַז מ׳קען נאָך מתקן זיין [גם בפרשת תרומה ותצוה שקורין בהם הציווי דמלאכת המשכן]. איבערדעם האָט מען דאָס מוסיף געווען אין די ימי התיקון, אַז מ׳קאָן נאָך מתקן זיין אין ׳די׳ צוויי וואָכן אַזוי ווי אין די ימי השובבי״ם. האָט מען דאָס צוגעגעבן צו די זמנים, צו דעם תיקון.

כ

איבערדעם דאָס איז די זמנים וואָס ס׳ווערט נתעורר [כח התיקון של יציאת מצרים ומתן תורה ובנין המשכן]. דער בורא כל עולמים זאָל העלפן ס׳זאָל נתעורר ווערן די אַלע כוחות פון די צדיקים, די פריערדיגע צדיקים, וואָס זיי האָבן געטאָן אין די טעג. ס׳זאָל נתעורר ווערן רחמי שמים אויף דעם דור השפל, בעיקבא דמשיחא.

כא

# מאמרים מהקדושת יום טוב[טז]

## ב׳ אופנים בביאור לשון הפסוק אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה

### אופן א ברמז הכתוב מהקדושת יו״ט, ובו יבואר גם לשון הסליחות דערב יום כיפור

דער טאַטע זכרונו לברכה זאָגט אין קדושת יום טוב[יז], טייטשט ער, אין די וואָכעדיגע סדרה (כב, ח) שטייט עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע וגו׳ אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה.

יש להבין כוונת לשון הסליחות: סניגור עלי תמנה וכו׳ ״אשר יאמר כי הוא זה״

זאָגט ער [לפרש הפסוק, בהקדם וואָס] ס׳שטייט אין די סליחות ערב יום כיפור: חַנּוּן חוֹן אוֹם[יח] אֲשֶׁר לְשִׁמְךָ הוּא מַאֲמִין, סַנֵּגוֹר עָלַי תְּמַנֶּה וכו׳, אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה.

---

[טז] בשנת תשי״ד חל יומא דהילולא של הקדושת יום טוב (כ״ט שבט) ביום ג׳ תרומה. וכנראה לרגל ״שבת שקודם ההילולא״ ראה רבינו להזכיר מדבריו כדי לעורר זכותו, ואח״כ מוסיף על דבריו חידושים מדיליה. [ובדרך כלל נהג כן רבינו באותן שנים שחל ההילולא ביום שבת קודש עצמו].

[יז] **בקדושת יום טוב** (בפרשתן, ד״ה): עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע וגו׳ אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה. וצ״ב אומרו דְּבַר פֶּשַׁע, עי׳ רש״י.

אך נראה לי בהקדם לפרש דברי הפיוט בפזמון במעלי יומא דיום הכפורים, חַנּוּן חוֹן אוֹם אֲשֶׁר לְשִׁמְךָ הוּא מַאֲמִין, סַנֵּגוֹר עָלַי תְּמַנֶּה אֲשֶׁר חֲטָאתִי יַטְמִין וגו׳, אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, מָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה. וצריך להבין מה שאמר ״אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה״. אך נראה לי, דהנה ידוע אשר באמת נפשו ורצון איש ישראל לעשות רצונו יתברך, וכמו שאמרו (ברכות יז.) גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות וכו׳, ואפילו אם נפל ברשת היצר הוא מלא חרטות כמו שאמרו ז״ל (עירובין יט.), ועיקרי התשובה היא לְהִתְוַדּוֹת לפני הבורא ית״ש בלב נשבר ונדכה, ובעו״ה אשר רבו חטאתינו, כי מי יוכל לְהִתְוַדּוֹת על כולם. אך יש ראיה מהתורה הק׳ דאפילו מודה במקצת גם כן מהני, ואין עליו אַשְׁמָה, אפילו אם אינו מודה על הכל, כדאמרו בגמרא בבא מציעא (ג.) מפני מה אמרה תורה מודה במקצת הטענה ישבע וכו׳, והאי בכולה בעי דלודי ליה, והא דלא מודה, אשתמוטי הוא דקא משתמיט מיניה, ופירש״י ז״ל, דלא אמרינן דלא נרמיה עליה שבועתא דהא חשוד הוא, לפי שברצונו היה מודה בכולה, אלא שאין בידו לפרוע. ומזה ראיה מהתורה הק׳ דמודה במקצת גם כן מהני. על כן אם אדם עושה תשובה ומתודה אפילו קצת ממעשיו, גם כן מהני, כי מי יוכל להתודות על כולם, והדין דמודה במקצת נשמע מאשר יאמר כי הוא זה, עיי״ש בגמרא. - וזה, חַנּוּן חוֹן עַמְּךָ אֲשֶׁר לְשִׁמְךָ הוּא מַאֲמִין, דאנו מאמינים בשמך, סַנֵּגוֹר עָלַי תְּמַנֶּה וכו׳, אף שאיני מודה על כולם, אעפי״כ מקצת הוידוי שלנו גם כן מהני, אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דמשם מוכח דמודה במקצת מהני, מחמת שהיה ברצונו להודות על הכל רק שאין בידו לפרוע, הכי נמי לענין תשובה, ושפיר מסיים מָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה.

וזשה״כ עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע, היינו על כל הפשעים שהאדם עושה, שהי׳ מהראוי על כל אחד ביחוד לומר מה שהיה הפשע לְהִתְוַדּוֹת לפני הבוב״ה, ומי יוכל על כולם להתוודות, אך כמו שהדין הוא עַל שׁוֹר עַל חֲמוֹר אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דמודה במקצת מהני, הכי נמי לענין תיקון התשובה מהני מודה במקצת, ונרצה לו לכפר עליו.

[יח] כן הובא הנוסח בקדושת יום טוב כאן, חון ״אום״, ורבינו אומרו כאן בלשון אביו ורבו. אבל בהסליחות הנוסח: עַמְּךָ. [ויתכן שהקדושת יום טוב היה לו נוסח אחר בזה, או שהביא כן משיגרת הלשון דתפילת ב׳ וה׳ (ד״ה זרים אומרים) שאומרים שם הלשון: חון ״אום״ לשמך מקוה].

[וצריך ביאור הלשון בסיום המאמר], וואָס איז דער "אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה".

**כב**

מן הפסוק "אשר יאמר כי הוא זה", למדו בגמרא כי "המודה במקצת" חייב בשבועה ונאמן בזה

זאָגט ער אַזוי.

**חכמינו ז"ל** לערנען דאָך אַרויס (ב"ק קז: ושבועות לט:), פון "כִּי הוּא זֶה" איז געדרינגען אַז מ'שמועסט פון אַ "מודה במקצת", [דכתיב] **אֲשֶׁר יֹאמַר "כִּי הוּא זֶה"**[יט].

זאָגט די גמרא[כ], פאַרוואָס גיט מען אַ 'שבועה' פאַר אַ "מודה במקצת" [ואינו כמשיב אבידה דפטור משבועה], ווייל **הַאי בְּכוּלֵיהּ בָּעֵי דְּלוֹדֵי** [ואין כוונתו לגזול].

פרעגט מען, [האיך מאמינים אותו בשבועה] פאַרוואָס זאָל איך נישט זאָגן **מִיגּוֹ דְּחָשִׁיד אַמָּמוֹן חָשִׁיד אַשְּׁבוּעֲתָא** [ויש לחשוש שישבע לשקר]?

נאָר אָבער אַז ער איז אָבער אַ "מודה במקצת", איז ער שוין נישט קיין "חָשׁוּד" [בגזל ממון, והטעם שכופר במקצת, ווייל ער איז] **נאָר אִשְׁתַּמּוּטֵי קָא מִשְׁתַּמֵּט**, [ובאמת] **בְּכוּלֵיהּ בָּעֵי דְּלוֹדֵי**, איז אַ סברא **אִשְׁתַּמּוּטֵי קָא מִשְׁתַּמֵּט** [שרוצה לְהִשְׁתַּמֵּט מן הַמַּלְוֶה ולהרויח זמן, וסובר דכשיהיה לו מעות יפרע הכל, ולכן אמרה התורה להטיל עליו שבועה כדי שיודה בכל].

**כג**

על כל פנים איז דאָך געדרינגען פון דעם **אֲשֶׁר יֹאמַר "כִּי הוּא זֶה"**, אַז מ'איז אַ "מודה במקצת" איז מען שוין נישט אַזאַ "חָשׁוּד".

**כד**

וזהו שמבקשים בהסליחות, חנון חון עמך אשר לשמך הוא מאמין, דאם אנו עכ"פ מאמינים בה', אז סנגור עלי תמנה וכו', שיקבל הקב"ה את דברי הוידוי שלנו אף שהוא בבחינת מודה במקצת, כמו שאנו למדין מפסוק "אשר יאמר כי הוא זה", דגם המודה במקצת יש לו נאמנות ואינו עוד בגדר 'חשוד'

**האָט דער טאַטע זכרונו לברכה** געטייטשט מיט דעם [לשון הסליחות, חַנּוּן חוֹן עַמְּךָ] **אֲשֶׁר לְשִׁמְךָ הוּא מַאֲמִין, סַנֵּגוֹר עָלַי תְּמַנֶּה וגו' אֲשֶׁר יֹאמַר "כִּי הוּא זֶה"**, מ'איז מִתְוַדֶּה, ער זאָגט אויפ'ן הייליגן טאָג, אַז מ'איז מִתְוַדֶּה אויף די עוונות, און דער אמת מ'געדענקט דאָך ניטאַמאָל 'אַזויפיל' [ככל העוונות שעשו בְּכַמּוּת. און] מ'איז דאָך אַזוי נִתְגַּשֵּׁם, מ'ווייסט ניטאַמאָל 'ווי ווייט' מ'האָט געזינדיגט [בְּאֵיכוּת].

ווי דער אמת איז מען דאָך נִתְגַּשֵּׁם אַז מ'ווייסט גאָרנישט ווי ווייט, [ונמצא כי] דאָס אַלעס וואָס מ'איז מִתְוַדֶּה, וואָס מ'זאָגט, האָט מען געזאָגט נאָר אַ 'מקצת מן המקצת'.

**און ווען דער בורא כל עולמים העלפט מ'קומט לכלל דעת**, און מ'ווייסט וואָס אַ איד ברויך צו טאָן, וויאַזוי אַ איד ברויך אויסצוזען, מ'באַקומט אַ שטיקל אמת'דיג [בליק], אַ שטיקל פנימיות בלב, [דעמאָלטס] ווערט מען דאָך הערשט געוואָר וואָס מ'האָט געזינדיגט, [ונמצא] איז דאָס אַלעס וואָס מ'האָט אינאַכט גענומען דאָס איז נאָך גאָרנישט, איז מען דאָך נאָר באמת אַ "מודה במקצת".

---

[יט] דמהפסוק משמע שהמפקיד טוען שהפקיד ביד השומר יותר ממה שהוא משיב לו, והשומר טוען "כי הוא זה" שהפקיד אצלו ולא יותר. ועיין בביאור המלבי"ם (משפטים כב, ח).

[כ] **בגמרא בבא מציעא** (ג. - וכן הוא במס' ב"ק קז.): אמר רַבָּה, מפני מה אמרה תורה מודה מקצת הטענה יִשָּׁבַע [וכופר הכל פטור]. חזקה, אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו, והאי בכוליה בעי דנכפריה, והא דלא כפריה, משום דאין אדם מעיז פניו, והאי בכוליה בעי דלודי ליה, והאי דלא אודי, אשתמוטי הוא דקא מישתמט מיניה, סבר עד דהוו לי זוזי ופרענא ליה. ואמר רחמנא, רמי שבועה עליה כי היכי דלודי ליה בכוליה.

KolSatmar.com

נאָר אָבער, פון "כִּי הוּא זֶה" איז גערדרינגען אַז אַ "מודה במקצת" איז שוין נישט קיין "חשוד", דאָס איז שוין 'עפּעס'.

איבערדעם זאָגט ער [בסליחות] **סַנֵגוֹר עָלַי תְּמַנֶּה, אַז** [ס'איז עכ"פ] **לְשִׁמְךָ הוּא מַאֲמִין**, אַז מ'גלייבט על כל פנים אין באַשעפער, איז שוין סניגור עליו תמנה וגו' [כדכתיב] "אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה", ס'איז גערדרינגען [מפסוק זה] אַז אַ "מודה במקצת" איז שוין 'עפּעס', [ולכן] אַז מ'איז אַ 'מודה במקצת' נעמט עס שוין אָן דער בורא כל עולמים שוין פאַר אַ "תשובה".

**כה**

וזהו ג"כ רמז הפסוק על כל דבר פשע שיחטא האדם,

יהא מהני אשר יאמר כי הוא זה, אם יתודה כפי השגתו ויהא עכ"פ בגדר "מודה במקצת"

איבערדעם איז [ירמוז הכתוב] **עַל כָּל דְּבַר 'פֶּשַׁע'** וואָס מ'האָט געטאָן, איז **אֲשֶׁר יֹאמַר** "כִּי הוּא זֶה", איז דאָס דער תירוץ, אַז ס'איז על כל פנים יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, אַז מ'איז על כל פנים אַ "מודה במקצת", מ'זאָגט וויפיל דער 'דעת' דערגרייכט.

**הגם אליבא דאמת פאַר אַ 'דעת אמיתי' - אויבן זעט מען דאָך דעם אמת - איז עס גאָרנישט.** דאָס אַלעס וואָס מ'זאָגט [בדברי הווידוי], איז נאָך 'קיין דיבורים' נישט. אָבער [ס'איז עכ"פ] **אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה.**

איבערדעם [רומז הכתוב, דכשהוא עכ"פ] **אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה** [דהאדם מודה במקצת, ומתוודה כפי ידיעתו ושכלו], איז עס [מכפר] **עַל 'כָּל' דְּבַר פֶּשַׁע** [אף שאינו מתודה על כל אחד בפני עצמו כראוי וכנכון].

**אַזוי זאָגט דער טאַטע זכרונו לברכה אין קדושת יום טוב די וואָך. זכותו יגן עלינו.**

**כו**

**היוצא מזה לענין מצב דורינו:**

שהגם שרואין ויודעין שאנו משוקעין בעומק השפלות, עכ"ז לפי האמת אין זה כלום מה שאנו יודעין ומשיגין בזה

ממילא אליבא דאמת, וואָס מ'זאָגט אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה [שמודים רק במקצת, אבל אין מבינים את כל העומק של העוונות והשפלות, הוא גם כן חשוב].

[ווייל] לעולם איז אַזוי, הגם יעדער ווייסט, מען 'זעט' אַז מ'איז אין אַ דור שפל, בעיקבא דמשיחא, [מ'ווייסט] אַז מ'האָט פאַרשמירטע אויגן און מ'זעט נישט דעם אמת אַז מ'איז אין 'עומק'.

אָבער דער אמת איז, דאָס אַלעס וואָס מ'זאָגט איז גאָרנישט, [דאָס אַלעס] וואָס מ'איז משיג, איז גאָרנישט. מ'ווייסט גאָרנישט ווי ווייט, ווי ווייט מ'איז איינגעטינקען, דאָס איז דער אמת אַלץ גאָרנישט.

**כז**

ורק כשיושיע אותנו הקב"ה ונזכה לראות את הישועה ולצאת מהחשכות, שאז נבא להשגת הדעת

לבקש את האמת ולעבוד את ה', אז נתוודע למפרע עומק השפלות שאנו שרויים בו עתה

דער אמת איז, ווען דער בורא כל עולמים וועט העלפן, דער בורא כל עולמים וועט אונז נאָך העלפן מ'וועל מיר די זכיה האָבן מ'וועט דערלעבן די ישועה, אַז דער בורא כל עולמים וועט אונז נאָך אַרויסנעמען פון דעם חשכות, מ'וועט צוקומען צו אַ שטיקל דעת אַז מ'זאָל זוכן דעם אמת און דינען דעם באַשעפער, וועט מען הערשט געוואָר ווערן וויאַזוי מ'האָט אויסגעזען, ווי ווייט מ'איז געוועזן אין 'עומק'.

KolSatmar.com

### כח

וכן היה במצרים, כל זמן שהיו משוקעים במ"ט שערי טומאה לא ידעו
עד היכן הגיע ירידתם, ורק לאחר שיצאו משם אז נתוודעו מזה למפרע

**וועןאידן זענען געווען אין מצרים אין מ"ט שערי טומאה, ווילאַנג מ'איז געווען דאָרטן, האָט מען אויך נישט געוויסט ווי טיף מ'איז, נאָר ווען מ'איז אַרויסגעקומען, האָט מען אָנגעהויבן געוואויר צו ווערן וויאַזוי מ'האָט אויסגעזען.**

### כט

וכל שכן בדור השפל הזה, שאנו בעומק הטומאה עוד יותר במצרים, שנכנסו עתה אפילו לתוך שער הנ' שבטומאה,
ורק ברחמי שמים ע"י עזר ממרום נוכל לצאת מזה, ואז ישיגו למפרע את גודל העומק של גלות זה

**על אחת כמה וכמה אין דעם דור השפל, איז מען נאָך מער אין עומק ווי מ'איז געווען אין מצרים. בעוונינו הרבים אוי לדור שכך עלתה בימיו.**

**מ'איז אין עומק, אין תכלית פון די נ' שערי טומאה, ה' ישמרנו.**

**און נאָר "ברחמי שמים", ווען דער בורא כל עולמים וועט העלפן, וועל מיר אַרויס. ממילא ווען מ'וועט אַרויסקומען דעמאָלטס וועט מען הערשט וויסן** [למפרע העומק שאנו שרויין בו עתה].

### ל

אבל מה שמתאוננין עתה על שפלות הגלות, הוא רק מקצת דמקצת מאמיתת השפלות, והוא רק בבחינת מודה במקצת

**אָבער דאָס אַלעס וואָס מען 'זאָגט', וואָס מ'מיינט אַמאָל אַז מ'זאָגט עפּעס, מ'איז אַמאָל מתאונן אויפ'ן מצב, מ'איז מתאונן אויפ'ן אייגענעם מצב און מ'איז מתאונן אויפן 'כלל', אַסאַך מאָל אַז מ'איז מתאונן וואָס מ'זעט אויס** [אַזוי, אַז] **מ'איז אין שפלות ברוחניות, וויאַזוי מ'זעט אויס, מ'מיינט אַז מ'האָט זיך שוין דעמאָלטס 'עפּעס' אינאַכט גענומען. אָבער דער אמת איז, דאָס איז אַלעס גאָרנישט, וויפיל מ'זעט איז עס אַלעס נאָך גאָרנישט, מ'ווייסט גאָרנישט ווי ווייט מ'איז אין עומק.**

### לא

אבל גם בחינה זו של "מודה במקצת" הוא מתקבל לרצון, אם הם עכ"פ בגדר מאמינים בהשי"ת

**נאָר וואָס'זשע דען אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, על כל פנים אַז מ'גלייבט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער** [ומתודים על קצת העונות והשפלות שאנו יודעין ומשיגין, וכנזכר בלשון הסליחות], **איז מען כאָטש אַ "מודה במקצת", וויפיל מ'זעט.**

### לב

וזה גופא מה שאין רואין ומתודין יותר, הוא ג"כ לימוד זכות, דהוא מחמת גודל הסמיות עינים שאנו נלקים בו

**דער תירוץ** [על מה שאין מתודין יותר, לפי שאין רואין ומבינים יותר], **איז דאָך אויכעט אַ לימוד זכות, אַז מ'זעט נישט מער, ווייל מ'איז אין עומק, מ'זעט נישט מער. דאָס גרויסע "סמיות עינים"** [וכמו שיבואר להלן (אות מג-נד) בענין הסמיות עינים].

(ועיין עיקר הנקודה שבכאן, להלן אות נו)

### לג

**אופן ב מהקדושת יו"ט, ברמז הכתוב הנזכר**

הכתוב רומז כי על כל דבר פשע, יעשה תשובה בעוד שיאמרו עליו כי הוא "זה" "האיש" שחטא,
דהיינו שישוב בעודו בכחו בימי הנעורים, ולא ימתין עד ימי הזקנה שאז הוא כבר כמו "איש אחר"

**דער טאַטע זכרונו לברכה זאָגט נאָך אַ פשט אין קדושת יום טוב**[כא], [ברמז 'הפסוק' עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע וגו'] **אֲשֶׁר יֹאמַר "כִּי הוּא זֶה".**

---

[כא] וז"ל הקדושת יום טוב: עוד ירמוז באומרו דְּבַר פֶּשַׁע, וַאֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, על פי דרכי התשובה. - כי הנה אמרו חז"ל בכל יום בת קול יוצאת שובו בנים שובבים חוץ מאחר ופירשו המפרשים על פי הגמרא (ע"ז יט.)

KolSatmar.com

ס'שטייט דאָך אין **ספרים**, - דער **ייטב פנים**[כב] ברענגט עס אויך, און ס'שטייט אין ספרים, - [לפרש מאמרם][כג] בכל יום בת קול יוצאת ואומרת "שובו בנים שובבים, חוץ מאחר", אַז ס'איז גוט מ'זאָל תשובה טאָן ווילאַנג מ'איז אין דער 'יוגנט', מ'איז נאָך בכח [ויצרו תוקפו, משא"כ] ווען מ'איז אויף דער 'עלטער', מען איז שוין נישט 'דער' וואָס מ'איז געווען, איז עס שוין נישט 'די' [זעלבע] תשובה [כמי ששב בימי נעוריו].

דער בורא כל עולמים איז 'אַלעמאָל' מקבל בתשובה, ס'איז אָבער אַ חילוק, ס'איז אַנדערש די תשובה אַז מ'טוט נאָך תשובה [בימי הנעורים, שאז הוא מקובלת יותר].

[ווי] **די גמרא זאָגט** (ע"ז טז:) [על הפסוק אַשְׁרֵי אִישׁ יָרֵא אֶת ה' (תהלים קיב), וכי] אַשְׁרֵי "אִישׁ" וְלֹא אַשְׁרֵי "אִשָּׁה"? [אלא] **אַשְׁרֵי אִישׁ**, וואויל איז דעם וואָס ער איז נוֹתֵן אֶל לֵב ער זאָל תשובה טאָן כְּשֶׁהוּא "אִישׁ"[כד], ווילאַנג מ'איז אַן "אִישׁ" בגבורתו.

מיט דעם טייטשן זיי, **שובו בנים שובבים "חוץ מאחר"**, ווען מ'איז שוין אַן 'אַנדערער'.

מיט דעם טייטשט ער [הקדושת יו"ט], **עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע וגו' אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא "זֶה"**, [שצריך להתוודות על כל פשעיו עוד בימי נעוריו, שהוא בעת שיאמרו עליו כי הוא עדיין 'זה'

---

אשרי "איש", אשרי שעושה תשובה כשהוא איש, היינו בימי נעוריו, בתקפו ובגבורתו, והטעם, כי האיש שחטא בעודו בכחו והתאוה גוברת, והוא גובר וכובש את יצרו, זה דבר חשוב, משא"כ כששב בימי זקנתו שכבר תש כחו ופסקו תאותיו, הרי הוא כאיש אחר ולא זה שחטא, וז"ש **שובו בנים שובבים "חוץ מאחר"**, היינו שחטא בילדותו ושב בזקנותו, שהוא איש אחר, עכ"ד [המפרשים], עיין **בייטב פנים** במאמרי תוכחת מוסר (לי"ג מדות ויום העשור, אות מח). - וז"ש **עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע**, צריך להתודות על חטאיו בעת **אֲשֶׁר יֹאמַר** עליו **כִּי הוּא "זֶה"** שחטא ולא איש אחר. - אך עם כל זה בודאי כשׁשב בזקנותו אינו חוזרת ריקם, והקב"ה פושט יד ומקבלו, כמו שכתוב (תהלים צ, ג) תשב אנוש עד דכא. והשי"ת יחזירנו בתשובה שלימה במהרה.

[כב] **בייטב פנים** לראש השנה (אות סד, סוף ד"ה ביאור), לשבת תשובה (אות יד), ולי"ג מדות ויום העשור (אות לז, ואות מח), ולימי שובבים (אות יג, סוף ד"ה וזה שאמרה תורה). ובספרו **רב טוב** (פרשת עקב).

[כג] **בזוהר** (ח"ג ד:): ואף על גב דישראל בגלותא, קוב"ה אשתכח בינייהו, ואתי ואקדים לבי כנישתא, וקרי ואמר (ירמיה ג, כב) **שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים** אֶרְפָּה מְשׁוּבֹתֵיכֶם, ולית מאן דיתער רוחיה, כדין קוב"ה אמר, (ישעי' נ, ב) מַדּוּעַ בָּאתִי וְאֵין אִישׁ קָרָאתִי וְאֵין עוֹנֶה, אקדמית ואין איש, ולית מאן דיתער רוחיה. ועוד **בזוהר** (שם קכו.): רבי אבא פתח (תהלים קג, א) לְדָוִד בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה' וְכָל קְרָבַי אֶת שֵׁם קָדְשׁוֹ, כמה אית ליה לבר נש לאסתכלא ולמנדע בפולחנא דמאריה, דהא **בכל יומא ויומא כרוזא קארי ואמר** (משלי א, כב) עַד מָתַי פְּתָיִם תְּאֵהֲבוּ פֶתִי וגו', **שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים** אֶרְפָּה מְשׁוּבֹתֵיכֶם, ולית מאן דירכין אודניה, אורייתא קא מכרזא קמייהו, ולית מאן דישגח.

ובגמרא חגיגה (טו.) מצינו גם הלשון "חוץ מאחר", דבימי אלישע בן אבויה (המכונה אחר), **יצתה בת קול ואמרה שובו בנים שובבים חוץ מאחר.**

וע"ע **במדרש רבה** (איכה, פתיחתא כו): אמר רבי יונתן, שלש שנים ומחצה [קודם החורבן] **עשתה השכינה** יושבת על הר הזתים, סבורה שמא ישראל יעשו תשובה ולא עשו, והיתה בת קול מכרזת ואומרת **שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים** (ירמי' ג, יד) **שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם** (מלאכי ג, ז) וכו'.

ומ"מ כלשון הזה שבכל יום יוצאה בת קול חוץ מאחר, לא מצאנו במדרשים שלנו, אבל כן מובא הלשון באיזה ספרים גם לענין הבת קול שבכל יום. - ובספה"ק **שארית ישראל** (ווילעדניק, שער השובבי"ם דרוש רביעי) איתא בזה"ל: וזהו שובו בנים שובבים חוץ מאחר, שהוא בחינת בת קול יוצאת בכל יום ומכרזת ואומרת וכו', עכ"ל. ומשמע קצת שהוא מרכיב לשונות הב' מאמרים, שהבת קול שיצא על אחר הוא מבחינת הב"ק שיוצאת בכל יום. - וכ"כ בספר **פרי צדיק** (לר' צדוק הכהן מלובלין, נצבים אות ה) וז"ל: והבת קול הוא מה שבא התעוררות בלב כל אחד מישראל כמו שאמרו מהבעל שם טוב ז"ל, ובזוהר הקדוש בכל יומא ויומא כרוזא קאי ואמר עד מתי פתיים תאהבו פתי וגו' שובו בנים שובבים וגו' ולית מאן דירכין אודניה. והוא על דרך שאמרו (חגיגה טו:) כבר שמעתי מאחורי הפרגוד שובו בנים שובבים חוץ מאחר, **והיינו הבת קול שהוא בכל יום**, ואז היה חוץ מאחר. - וע"ע בספרו **תקנת השבין** (דף נו.). ובספה"ק קדושת לוי (בראשית) ועבודת ישראל (אבות ב, ח) ותולדות אהרן (וארא) מובא בשם "הגמרא" שבכל יום בת קול יוצאת "שובו בנים שובבים", וכפי הנראה כוונתם ג"כ על הגמרא חגיגה הנ"ל, ושהבת קול שיצאה על אחר הוא מאותו בת קול שיוצאת בכל יום.

[כד] **ופירש"י**: כשהוא איש. כשהוא בחור בכחו, כלומר ממהר להכיר בוראו קודם ימי הזקנה.

KolSatmar.com

האיש שחטא], ווילאַנג מ׳איז נאָך ״דער זעלבער״ [ולא איש אחר, כבימי זקנותו]. דעמאָלטס איז דער זמן [המעולה] פון תשובה. - אַזוי שטייט אין קדושת יום טוב.

לד

## הוספה על פירושי הקדושת יום טוב

הקדמה לאופן ג ואופן ד ברמז הכתוב אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה
עפ״י ג׳ אופנים שביארתי בשבת העבר (פרשת יתרו) בפסוק ״וְאַתֶּם״ תִּהְיוּ לִי

נאָר קען זיין אֲשֶׁר יֹאמַר ״כִּי הוּא זֶה״, מ׳קען נאָך זאָגן אַנדערש אויכעט[כה].

ס׳איז מרומז טאַקע [בפסוק זה כעין] ווי כ׳האָב יענע וואָך[כו] געזאָגט [ברמז הפסוק] (יתרו יט, ו) ״וְאַתֶּם״ תִּהְיוּ לִי [מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ].

דיש להבין יתור הלשון ״ואתם״ תהיו לי, דגם בלא זה מובן דאליהם הוא מדבר

[דלכאורה צריך ביאור] וואָס איז דער ״וְאַתֶּם״, אַז דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים, ס׳איז דאָך איבריג דער ״וְאַתֶּם״, [כי הלא] מ׳האָט דאָך ׳צו זיי׳ גערעדט, [וכמו שאמר לעיל מיניה] אִם שָׁמוֹעַ ׳תִּשְׁמְעוּ׳ בְּקֹלִי ׳וּשְׁמַרְתֶּם׳ אֶת בְּרִיתִי ׳וִהְיִיתֶם׳ לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים [ולבסוף סיים] ״וְאַתֶּם״ תִּהְיוּ לִי, וואָס איז דער וְאַתֶּם [דמיותר, כי מובן זה מאיליו שאליהם הוא מדבר].

לה

וביארתי זה בכמה אופנים

איך האָב געזאָגט עטליכע פשטים אין דעם:

**אופן א:** לרמז שמשה רבינו יפעול שלא יחליפם בזרעו של משה, רק הבטחת הגוי גדול שנאמר לאברהם יתקיים בהם עצמם

א] ווייל ס׳איז געווען חלילה אַ הוה אמינא, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט [למשה רבינו] (תשא לב, י) וְיִחַר אַפִּי בָהֶם וגו׳ וְאֶעֱשֶׂה ״אוֹתְךָ״ לְגוֹי גָּדוֹל, [אַז] מ׳וועט זיי מחליף זיין פאַר אַנדערע, [און] די הבטחה פון אברהם אבינו [וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל (לך יב, ב)] וועט נתקיים ווערן גאָר אין ׳אַנדערע׳, [בזרעו של משה (עי׳ רש״י שלח יד, יב). ומשה רבינו פעל בתפלתו שלא יחליפם בזרעו, רק יתקיים ההבטחה בהם עצמם].

[וזהו שרמז באומרו ״וְאַתֶּם״ תִּהְיוּ לִי וגו׳, שהסוף יהיה שאותן ההבטחות של פרשת כה תאמר לבית יעקב, יתקיים בהם עצמם, ולא שיחליפם באחרים].

לו

**אופן ב:** לרמז שדור המדבר בעצמם יקומו לתחיית המתים יחד עם משה רבינו, ויזכו לראות קיום ההבטחות שבאותה פרשה

ב] און ווידעראום איז געווען אַ חשש, אַז זיי וועלן בלייבן אין די מדבר און זיי וועלן חלילה נישט אויפשטיין תחיית המתים. אַזוי זאָגט דאָך דער מדרש (תנחומא חקת, י. דב״ר ב, ט) אַז משה רבינו איז [מהאי טעמא] געבליבן אין די מדבר כדי ער זאָל זיי מיטנעמען [עמו בשעת תחיית המתים. ומזה מוכח, דלולי זה היה חשש על דור המדבר שלא יוכלו לקום לתחייה].

איבערדעם האָט מען געגעבן אַ הבטחה ״וְאַתֶּם״ תִּהְיוּ לִי, די ׳זעלבע׳ [דור המדבר, יתקיים בהם כל הבטחות אלו].

---

[כה] ולדרך זה מתפרש בחינה זו גם בלשון הסליחות לערב יום כיפור, סניגור עלי תמנה וגו׳ אשר יאמר כי הוא זה. (כמו לאופן הא׳ של הקדושת יו״ט, משא״כ לאופן הב׳ של הקדושת יו״ט, שלא מתפרש בחינה ההוא רק בדברי הפסוק עצמו).

[כו] בס״ג יתרו תשי״ד (לשון קדשו, אות נב-פד), עיי״ש באורך.

KolSatmar.com

[ובזה נכלל, הן כי] **מ'וועט זיי נישט חלילה מחליף זיין** [באחרים, והן שיזכו הם עצמם לקום בתחיית המתים עם משה רבינו, שאז יתקיים ייעוד ההבטחות דפרשת כה תאמר, והייתם סגולה מכל העמים וגו' ממלכת כהנים וגוי קדוש].

### לז

אופן ג: לרמז שבעת שיצאה נשמתם בדיבור אנכי, לא יתחלף אז נשמתם בנשמות אחרות

**ג] אָדער, האָב איך געזאָגט נאָך אַ פשט, מ'האָט מורא געהאַט, אַזוי ווי ס'שטייט פון אר"י הקדוש אַז מ'איז מחליף נשמתו** [בשעת השינה בנשמת גוי ועבד, ע"י עבירות שעושין]. **און** [כאן במעמד הנבחר, הלא] **ס'איז געווען "יצאה נשמתן"** [ואם כן היה חשש של התחלפות הנשמות, ולזה הבטיח להם "וְאַתֶּם" תִּהְיוּ לִי וגו'], **זיי זאָלן נישט חלילה נתחלף ווערן זיי זאָלן זיין אַנדערע** [רק יחזור להם הנשמה שלהם שמצד הקדושה][כז].

[עד כאן ממה שאמרתי בפרשת יתרו].

### לח

**אופן ג ברמז הכתוב אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה** (לדרכינו) **- לפי אופן א-ב בפרשת יתרו**

על כל דבר פשע, אפילו 'כל' מה שהרבו לפשוע, עד שנעשו בבחינת 'דבר' פשע,

עכ"ז עוד יזכו לשוב אל ה', ויתקיים אשר יאמר "כי הוא זה" בעצמו יזכה לקיום הבטחות אשר יאמרו הנביאים

**די אַלע פשטים קאָן מען זאָגן אין דעם אֲשֶׁר יֹאמַר "כִּי הוּא זֶה".**

[שהכתוב ירמוז כי] **עַל 'כָּל' דְּבַר פֶּשַׁע, אפילו 'וויפיל' מ'האָט געזינדיגט,** [וכן ירמוז דאפילו] **עַל כָּל 'דְּבַר פֶּשַׁע', אַז מ'קוקט זיך** [אַליין] **אָן** [ווי] **מ'איז אַ 'דְּבַר פֶּשַׁע'** [=אַ שטיק פון פשע, ווייל מ'איז] **מְלֻכְלָךְ בְּחוֹבִין** (כדלעיל אות יא-יג), [עכ"ז אל תתמהו] **וויאַזוי איז גאָר מעגליך אַז די 'זעלבע', טאַקע 'אונז אַליין', מ'זאָל מיר געהאָלפן ווערן.**

**ס'איז טאַקע זיכער** [שתבא הישועה לישראל], **ס'איז אַ הבטחה פונעם בורא כל עולמים אַז אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן, ס'וועט אַמאָל זיין אַ ישועה, ס'וועט זיין אַ גאולה. כִּימֵי צֵאתְךָ מִמִּצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת** (מיכה ז, טו).

**אָבער ווייסט מען** [דען] **ביי וועמען דאָס וועט זיין?, ווער ווייסט צו מ'וועט זוכה זיין, צי מ'וועט נישט חלילה נדחה ווערן דורך דעם עֹצֶם הַפְּשָׁעִים, אַז מ'קוקט זיך אָן אַז מ'איז מָלֵא עֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, מ'זעט שוין וויאַזוי מ'זעט אויס אין דעם שפלות הדור.**

[ואם כן יש ח"ו מקום לחשוש] **צי איז מען טאַקע 'די זעלבע' וואָס מ'וועל מיר זוכה זיין.**

**איבערדעם זאָגט מען, עַל "כָּל דְּבַר פֶּשַׁע", וויאַזוי** [אַלץ נאָר] **מ'איז מלוכלך בחטאים, פונדעסטוועגן אֲשֶׁר יֹאמַר "כִּי הוּא זֶה", אַז טאַקע "כי הוא זה"** [דער 'זעלבער' מענטש] **קען מען אויך נאָך געהאָלפן ווערן,** [והכתוב רומז לחזק אותנו] **מ'זאָל זיך נישט חלילה מייאש זיך.**

**איבערדעם קאָן זיין גאָר פאַרקערט** [מבאופן הב' של הקדושת יום טוב, שהפסוק הוא רמז "אזהרה" לשוב דוקא בימי הנעורים דוקא, אבל לדרכינו אדרבה] **דער פסוק וויל געבן**

---

[כז] ועיין בדברי רבינו בס"ג שמות תשכ"ה, ששם מביא ג"כ בשם הקדמונים הפי' המובא באופן ב של הקדושת יו"ט, ברמז לשון הבת קול "חוץ מאחר", דהיינו לשוב קודם ימי הזקנה שנעשין אז כאיש אחר. ומוסיף רבינו לפרש עוד כוונה בזה, על פי ענין המוזכר בדברי רבינו כאן בענין התחלפות הנשמות בנשמת גוי ועבד ע"י העונות וחטאים, וזה שמזהיר הבת קול לשוב בתשובה בעוד מועד, בטרם שנעשין לאיש אחר ח"ו ע"י התחלפות בחינת הנשמות, עיי"ש בדבה"ק. (ולפ"ז יתכן מאוד, שגם בכאן היה בדעתו לומר כן בהמשך הדברים שבהוספת החידוש על דברי הקדושת יו"ט, דנמצא דלדרכינו יתפרש עוד בחינה בלשון הסליחות הנזכר באופן א של הקדושת יו"ט, וכן עוד בחינה בלשון הבת קול הנזכר באופן ב של הקדושת יו"ט, ודברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר).

KolSatmar.com

״התחזקות״, [דבכל אופן יש לצפות] אֲשֶׁר יֹאמַר ״כִּי הוּא זֶה״ [שהוא בעצמו עוד יזכה להישועה, ולהנחמות דלעתיד לבא אשר יאמרו הנביאים].

[ובזה נרמז שלא יתקיים הבטחה באחרים, רק בבני דורינו עצמם (וכאופן א דפרשת יתרו), וכן שהמתים בגולה יזכו לקום לתחיית המתים, ויתקיים יעוד ההבטחות גם בהם עצמם, אף אם ח״ו הרבו לפשוע (וכאופן ב דפרשת יתרו)].

**לט**

**אופן ד ברמז הכתוב אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה (לדרכינו) - לפי אופן ג בפרשת יתרו**

על דרך הנזכר רומז גם אשר יאמר ״כי הוא זה״, שישאר באותו נשמה קדושה, ולא תתחלף בבחינות אחרות

**ווידעראום דאָס זעלבע קען מען זאָגן ווידעראום אויכעט** [לפי אופן ג דפרשת יתרו, דהכתוב רומז] **אַז מ׳זאָל נישט חלילה נתחלף ווערן דאָס ״נפש״ מיט אַן ׳אַנדערע בחינה׳, איבערדעם איז עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע אֲשֶׁר יֹאמַר ״כִּי הוּא זֶה״, אַז מ׳זאָל טאַקע וויסן** [לצפות לתשועת ה׳ לשמחינו כימות עניתנו, אנו בעצמינו, ולא נדחה ח״ו].

**מ**

[על כל פנים לכל האופנים] **איז דער פסוק** [מרמז], **איז דאָס טאַקע אויך אַן ׳הבטחה׳, אַז מ׳וועט טאַקע מ׳וועט ׳אויך געהאָלפן׳ ווערן** [אותן אנשים עצמם שסבלו הצרות והשפלות יזכו לראות ׳גם׳ הישועה, ועל זה רומז הכתוב] **אֲשֶׁר יֹאמַר ״כִּי הוּא זֶה״.**

**מא**

# ישוב הקושיות שבתחלת הדרוש

**איבערדעם, דאָס קען זיין וואָס דער מדרש זאָגט, אני הוא שסימיתי את עֵינָם,** [שנאמר] **וַיְעַצֵּם אֶת עֵינֵיהֶם.**

[קושיא ה]

[דלכאורה יש להבין] **וואָס איז דער פשט ״וַיְעַצֵּם אֶת עֵינֵיהֶם״.**

**מב**

**איז דאָ צוויי פשטים וואָס מען קען זאָגן אויף דעם**[כח]**.**

**מג**

**ישוב קושיא ה - אופן א**

**איין פשט איז** [על כללות ישראל, והוא על דרך דכתיב] **אִם ״מֵעֵינֵי הָעֵדָה״ נֶעֶשְׂתָה לִשְׁגָגָה** (שלח טו, כד)**, ביי פַּר הֶעְלֵם דָּבָר.** [ופירשו חכז״ל]**[כט] ווער זענען די ״עיני העדה״?, דאָס זענען די מנהיגים, די סנהדרין, די מנהיגי ישראל.**

**די ״מנהיגי ישראל״ ווערן אָנגערופן די ״עיני העדה״.**

**פאַרוואָס הייסן זיי די ״עיני העדה״?, ווייל זיי זענען די מנהיגים וואָס זיי פירן אידן, און אידן לאָזן זיך פירן פון זיי,** [און] **דורכדעם האָבן אידן אָפענע אויגן, מ׳ווייסט וויאַזוי צו גיין, מ׳ווייסט דאָס דור וויאַזוי זיך נוהג צו זיין.**

---

[כח] עיין להלן הערה מא.

[כט] עיין בגמרא הוריות (ה.) לענין דין פר העלם דבר שבפרשת ויקרא, דתלוי בהוראת בית דין שטעו בדין, וילפינן לה בגזירה שוה (״מעיני״ הקהל, ״מעיני״ העדה) מן פר ע״ז שבפרשת שלח דכתיב בה ״מעיני העדה״, דהיינו הבי״ד.

ועיין בשיר השירים רבה (א, סד. ד, ב. ה, טז. ז, י): עֵינַיִךְ יוֹנִים (שה״ש א, טו), ״עיניך״ הן סנהדרין שהם עינים לעדה, הדא הוא דכתיב וְהָיָה אִם ״מֵעֵינֵי הָעֵדָה״. רמ״ח איברים יש באדם, וכולם אינן הולכים וחוזרים אלא אחר העינים, כך אין ישראל יכולין לעשות דבר חוץ מסנהדרין שלהם.

**אַזוי איז געווען בדורות הראשונים.**

**בדורות הראשונים איז געווען מנהיגים טובים, ס'איז געווען מנהיגי ישראל וואָס זיי האָבן געפירט אידן, די גדולי ישראל.**

**ווער האָט געפירט דעם כלל ישראל?, ס'איז געווען אמת'דיגע "צדיקים אמיתיים" וואָס זיי האָבן געהאַט "אָפענע אויגן", וואָס זיי האָבן "געזען" אַלעס, זיי האָבן אַלעס "געוואוסט", און אידן האָבן זיך געלאָזט פירן פון די מנהיגים אמיתיים.**

### מד

[מה שאין כן בדורות האחרונים. ווי] **די גמרא זאָגט אין בבא קמא** (נב.), **כַּד רָגִיז רַעֲיָא עַל עָנָא, ווען דער רועה ווערט ברוגז אויף די שאָף, עָבִיד לְנַגְּדָא סַמּוּתָא,** [דהיינו כי הדרך הוא, אַז] **'פאַר' די שאָף גייט 'פאָראויס' איין שאָף וואָס עס "פירט", אַלע שאָף גייען נאָך איר נאָך,** [וכשהרועה כועס על הצאן] **שטעלט ער פאָרנט "סַמּוּתָא", אַ בלינדע שאָף, און זיי גייען אַלע נאָך די 'סַמּוּתָא', און זיי פאַלן אַריין אין 'בּוֹרוֹת נִשְׁבָּרִים'.**

**זאָגט דאָס די גמרא אַ משל[ל], אַז ווען ס'איז חלילה אַ חרון אף על ישראל, שטייען אין די 'שפּיצע' אַזעלכע מנהיגים לא טובים, און דער כלל ישראל גייט נאָך, און מען פאַלט אַריין, וַיִּפֹּל אָחוֹר** (ע"פ ויחי מט, יז).

**אַזוי ווי מ'זעט בעוונותינו הרבים וויאַזוי מען זעט אויס** [בדורות האחרונים].

### מה

**אַזוי ווי דער חתם סופר זאָגט[לא]** [לפרש הפסוק] **וְנִשְׁאַרְתֶּם מְתֵי מִסְפָּר בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר יְנַהֵג ה' אֶתְכֶם שָׁמָּה, ס'וועט בלייבן "מתי מעט" וואָס "השם יתברך" וועט ענק פירן, וואָרן רובא דרובא וועלן זיך נישט לאָזן פירן אין דעם דרך פון השי"ת[לב].**

### מו

**אופן א בישוב קושיא ה - על כלליות הדור**

(עד אחר אות נב)

ביאור מה שנקרא העצימת והכאת העינים על שם הקב"ה, כי זה בא מן השמים לסיבת העונש על עון הדור

**איבערדעם זאָגט ער דאָס** [בפסוק ויעצם את עיניהם, ובמדרש שאמר הקב"ה אני שסימיתי את עיניהם].

---

[ל] וכפירש"י שם: **עביד לנגדא סמותא.** לָעֵז המושכת, מנקר עיניה, ונכשלת ונופלת 'בבורות', וְהָעֵדֶר אחריה. **כך כשהמקום נפרע משונאי ישראל, ממנה להן פרנסים שאינן מהוגנין.**

[לא] **בתורת משה** (ואתחנן) **ובדרשות חת"ס** (ח"ב דף שלח:) מדרוש לז' אב תקצ"ז, וז"ל: כתיב (ואתחנן ד, כז) **והפיץ ה' אתכם בעמים ונשארתם מתי מספר בגוים אשר ינהג ד' אתכם שמה, פי' מתוך 'שנפוצו בגוים', ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם ונוהגים במנהגיהם, ונשארתם 'מתי מעט' צדיקים אשר ינהג ד' ולא מנהיגי הגוים, כי הרוב בעוה"ר אינם מתנהגים על פי ד' וחכמי הדור, כי אם על פי נימוסי האומות העולם.**

[לב] וז"ל רבינו בס"ג **בשלח תשכ"ו**: דער חתם סופר זאָגט, וְנִשְׁאַרְתֶּם מְתֵי מִסְפָּר בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר יְנַהֵג ה' אֶתְכֶם שָׁמָּה, ווייניג וועלן בלייבן וואָס זיי וועלן ווערן געפירט פונעם באַשעפער, וואָרן דאָס רוב ווערט געפירט בעוה"ר פון 'אַנדערע הנהגות' וואָס ס'איז 'נישט' דער רצון הבורא ב"ה, אַנדערע הנהגות, מיט אַנדערע מנהיגים.

וז"ל בס"ג **בא תשט"ז**: ווי דער חתם סופר טייטשט, וְנִשְׁאַרְתֶּם מְתֵי מִסְפָּר בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר יְנַהֵג ה' אֶתְכֶם שָׁמָּה, זאָגט ער, דער וואָס ער לאָזט זיך פירן פונעם דרך התורה פון דרכי אבותינו דער ווערט געפירט פון הקב"ה, אז מ'גייט אָבער שלעכטע דרכים, וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם, מ'לאָזט זיך פירן פונעם טבעיות, מיט שכליות, פון דרכי האומות, משפטי האומות, פון זייערע אויפפאַסונגען, פון זייער דרך, **דֶּרֶךְ חֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה,** ווערט מען געפירט פון 'זיי', נישט פון הנהגת הבורא ב"ה, וואָס דאָס איז דאָך אַלעס שנאוי ביים **באַשעפער** די אַנדערע דרכים. איבערדעם זאָגט ער, אין די שפּעטערע דורות בלייבן ווייניג וואָס זיי וועלן זיין געפירט נאָר פונעם באַשעפער און נישט פון קיין אַנדערע דרכים וכו', ס'וועט בלייבן מתי מספר אַזעלעכע "אשר ינהג ה' אתכם שמה", וואָס השי"ת זאָל זיי פירן פון די וועט בלייבן מתי מספר.

KolSatmar.com

[כי] אמת הדבר, דאָס איז טאַקע געווען פון די עון הדור, וועגן דער עון הדור איבערדעם זעט מען בעוונינו הרבים אַזוי ווי מ'זעט די הנהגת הדור [ווי ס'זעט אויס], לא עלינו מ'פאַלט אַריין, דורך דעם איז דאָך די אַלע ענינים [לא טובים שבדור. אָבער] ס'ווערט געפירט [הסמיות עינים גופא] דורך הקב"ה, הקב"ה האָט דאָס [געפירט, וכמשל הגמרא דהרעיא עביד לנגדא סמותא, ווייל] דאָס אַליין איז געווען אויכעט אַן 'עונש', ווייל דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט (ראה יג, ד) כִּי מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם[לג] [במה שיסבבו מן השמים שיבא האות והמופת שדיבר הנביא שקר, וכמו"ש האבן עזרא (שם) דזהו 'לעונש'][לד].

[ובזה מובן מה שהקב"ה קורא זאת על עצמו, שהוא עיצם וסימא את עיניהם, כי היה זה מן השמים לסיבת העונש][לה]. (ראה ההמשך להלן אות מח)

### מז

בכל הדורות אף שהיו מחבלים כרמים, אבל לעומתם היו גדולי ישראל אמתיים שלחמו נגדם, אבל כהיום יש הרבה מחבלים כרמים ואין מי שיעמוד נגדם

ס'איז אייביג געווען [גם מנהיגים לא טובים, אבל בדורות הראשונים היה עיקר ההנהגה ביד מנהיגים הטובים, וכדכתיב] (שיר השירים ב, טו) **אֶחֱזוּ לָנוּ שׁוּעָלִים שׁוּעָלִים קְטַנִּים מְחַבְּלִים כְּרָמִים וּכְרָמֵינוּ סְמָדַר, זאָגט דער חתם סופר**[לו] [לפרש הפסוק] אַז אייביג איז געווען "שועלים" [מחבלים כרמים], אייביג איז געווען [מהם], ס'איז געווען צְדוֹקִים וּבַיְתוֹסִים [בזמן המשנה וגמרא] און קְרָאִים [בימי הגאונים והראשונים], און דערנאָך שבתי צבי [שר"י וכדומה [בימי האחרונים], אייביג איז געווען "מסיתים ומדיחים" צווישן אידן, ס'איז אָבער געווען [לעומת זה] אַסאַך "גדולי ישראל", די גדולי ישראל זענען געווען 'מרובים', און זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן כח, האָבן זיי געהאַט אַן אמת'דיגן כח השפעה, [ממילא] איז דאָס דור ניצול געוואָרן [מן המחבלים כרמים].

אָבער בעונותינו הרבים [כהיום המחבלים כרמים הם מרובים והמנהיגים טובים הם מועטים, ולזה אמר הכתוב] אֶחֱזוּ לָנוּ שֻׁעָלִים - **דער חתם סופר זאָגט עס נאָך 'בימיו' - אֶחֱזוּ לָנוּ שֻׁעָלִים שֻׁעָלִים קְטַנִּים מְחַבְּלִים כְּרָמִים, די "מחבלים כרמים" זענען דאָ, אָבער וּכְרָמֵינוּ, אפילו "כרמינו"** [=אף שיש מנהיגים הטובים] **איז אויך** [שהם רק בבחינת] **סְמָדַר, "סמדר" איז אַ זאַך וואָס ס'איז נישט 'דערפאַרטיגט'** [שלא נגמר כל צרכו][לז].

---

[לג] והרי שגם שם קורא הכתוב את הנסיון על שם שמו ית', בעבור שהוא בהשגחה מן השמים לסיבת העונש.

[לד] בעבור שעזבו לנביא השקר ולא המיתוהו. ועיין באורך **בויואל משה** (א, מו), **ובדברי יואל** (וישב עמוד רנז, תשא עמוד שמא, נצבים וילך קפה, תניינא ראה תכא, ראש השנה אות פח).

[לה] וע"ע בדברי רבינו להלן (אות צ ד"ה לעולם) דאלמלי המקרא והמדרש אומרו לא היינו יכולין לומר כן בעצמינו לכנות הסמיות עינים על הקב"ה דהוא שסימא את עיניהם. וגם כאן בא רבינו להטעים קצת לשון זה.

[לו] **בדרשות חתם סופר** (ח"ב דף שמ., מדרוש לז' אב תקצ"ט) [שהוא מדרשות האחרונות בסוף ימיו], וז"ל בתוך הדברים: שועל הוא חיה בעל תרבות, איננו בכלל במות יער וכו', וכאשר המשיל ר' עקיבא לפפוס בן יהודה (ברכות סא:) לשועל שרוצה להונות הדגים להוציאם מן המים מקום חיותם, בעוה"ר כן השועלים המטעים אותנו והן המה בעוכרנו, הן באומות העולם המטיבים להמשיך ישראל אחריהם, והן הנביאי שקר 'פרעדיגער' (דרשני המשכילים), שועלים רעים דורסים על במות בית ישראל ומוציאים הדגים ממקום חיותם. והנה בעוה"ר גם בדורות הראשונים היו "צדוקים וביתוסים וקראים" ימחה שמם, אך אז היה בכרם בית ישראל "גדולי ישראל, צדיקים ואנשי מעשה" המתחזקים נגדם, אבל עכשיו בעוה"ר **שועלים קטנים** ושפלים **מחבלים כרמים, וכרמינו** בעוה"ר רק סמדר, ואין בו ענבים גדולים לעמוד כנגדם, והם מחבלים והולכים, ורוב דלת העם נמשכו אחריהם באין מוחה.

[לז] כי "סמדר" פירושו, ענבים בתחלת צמיחתם כשנפל הפרח וכל גרגיר כבר נראה לעצמו (עי' רש"י מקץ מ, י. שה"ש ב, יג. ז, יג. ברכות לו. פסחים נב: גיטין לא. קידושין נד., ועוד).

KolSatmar.com

דער חילוק איז דאָס, דעמאָלטס [בדורות הראשונים היה המצב כין] די "מחבלים כרמים" זענען געווען, אָבער ווידעראום פאַרקערט, אָבער די "כרמים" די צדיקים וואָס זענען **נמשל לכרם** (תנדב״א זוטה, סוף פ״ה) זענען געווען **ברום המעלה**, אָבער אַצינדער איז **וּכְרָמֵינוּ "סְמָדַר"**.

**מח**

[המשך מן אות מו]

**איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט 'אני' הוא שסימיתי את "עינם",** [על דרך] **עביד לנגדא סמותא**, אַזוי ווי די גמרא זאָגט כד רגיז 'רעיא' על ענא. איבערדעם [אמר הכתוב] **ויעצם את עיניהם**, [ובמדרש שאמר הקב״ה אני] **שסימיתי את עינם.**

**מט**

דברי הפסוק והמדרש הם נביאות ורוח הקודש על מצב דורינו:

דעל זה נאמר ויעצם את עיניהם, ובמדרש שאמר הקב״ה אני הוא שהכיתי את עיניהם של ישראל

איבערדעם, דאָס איז דאָך אַלעס געזאָגט ברוח הקודש, דער **פסוק** זאָגט דאָך דאָס אויף לעתיד, [וְהָיָה בָּעֵת הַהִיא] **אֲחַפֵּשׂ אֶת יְרוּשָׁלַיִם בַּנֵּרוֹת**, לשון **חָפְשִׁי**, דאָס איז אויף לעתיד, אויף לעתיד איז [דאָס] געזאָגט געוואָרן ברוח הקודש.

דעמאָלטס ווען **חכמינו ז״ל** האָבן דאָס געזאָגט איז עס געווען נאָר בלויז אַ "רוח הקודש" [על דורות העתידים, כי בימיהם עדיין לא היה המצב כן], אָבער **בעוונינו היינט זעט מען עס "בפועל"**, ס'איז געווען סימיתי את "עינם", **די אַלע "מנהיגי ישראל", די אַלע "גדולי ישראל"** [האמיתיים], **המה הלכו למנוחות**, אַלעס איז געגאַנגען למנוחות, און מ'איז געבליבן **אַ דור שפל, עָרוֹם וְיָחֵף**, [וואָס] מ'גייט נאָך [המון העם אחר מנהיגים שונים, ועי״ז נמצא] מ'ווערט געפירט פון די כוחות פון די סטרא אחרא, פונעם ס״מ ווערט געפירט דאָס גאַנצע דור בעוונינו הרבים, אַזוי ווי מ'זעט.

**נ**

מ'האָט אויף "אונז" [על דור שלנו] **מתנבא געווען, חכמינו ז״ל** [במדרש הנזכר] **האָבן אונז געזאָגט וויאַזוי ס'וועט אויסזען** [בדור האחרון].

[והוא על דרך ווי] **מ'זעט אין די גמרא**[לח]**, בעיקבא דמשיחא** [וכו'], **ווי די גמרא רעכנט אויס דעם פני הדור אַזוי ווי ס'זעט אויס. - חכמינו ז״ל האָבן אונז דאָס מתנבא געווען, אַזוי ווי מ'זעט בעוונינו הרבים היינט.**

[וכדברי החתם סופר בפירוש הכתוב ונשארתם מתי מספר אשר ינהג ה' אתכם שמה, כי נשארנו] **בִּמְתֵי מְעָט**, דאָס ביסל אידן וואָס ס'איז נאָך געבליבן, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן. בעוונינו הרבים נאָך די גרויסע ביטערע נסיונות וואָס אידן האָבן מיטגעמאַכט, איז געבליבן אַ 'קליין ביסל אידן' וואָס מ'ווייסט נאָך אַז ס'איז דאָ אַ תורה.

**נא**

ס'איז געווען אַמאָל "מנהיגים אמיתיים", [אבל כהיום] **דאָס ביסל אידן** [שנשארו יראי ה'] **איז מען אויכעט בְּחוֹשֶׁךְ וְאֹפֶל, מ'האָט זיך נישט וואו צו קערן און וואו צו ווענדן,**

---

[לח] במסכת סוטה (מט:): **בעקבות משיחא חוצפא יסגא וכו', ומלכות תהפך למינות, ואין תוכחה וכו', וחכמות סופרים תסרח, ויראי חטא ימאסו, והאמת תהא נעדרת, נערים פני זקנים ילבינו, זקנים יעמדו מפני קטנים, בן מנוול אב, בת קמה באמה כלה בחמותה, אויבי איש אנשי ביתו, פני הדור כפני הכלב, הבן אינו מתבייש מאביו. ועל מה יש לנו להשען, על אבינו שבשמים.** - [ורבינו במשקל לשונו הזהב נמנע מלסיים הלשון "כפני הכלב", ואמר רק "אזוי ווי מ'זעט אויס"].

דאָס ביסל אידן [שנשארו] **שה אחת בין כמה זאבים** (אסת״ר י, יא), **דאָס איז אויכעט אין גרויסן חשכות, דאָס איז אויכעט וואָס-אַמאָל ווערט מען מער איינגעטינקען, און מ׳ווערט מיטגעריסן מיט׳ן עון הדור, מ׳ווערט מיטגעריסן.**

**נב**

וואָס ברויך מען מער?. דער אמת שטייט דאָך אין די **גמרא**[לט] און אין **רמב״ם**[מ] **אַז מ׳העט געברויכט צו גיין אין אַ ״מדבר״.**

בעוונינו הרבים ס׳איז שוין נישטאָ ׳ווער ס׳זאָל [מיט]גיין׳ אין דער מדבר.

**בעוונותינו הרבים מ׳האָט זיך נישט מיט וואָס מחזק צו זיין.**

**נג**

איבערדעם זעט מען טאָקע [שנתקיים מה שהתנבאו חז״ל הבחינה של] **אני הוא שסימיתי את ״עינם״.**

**נד**

**אופן ב בישוב קושיא ה - אף על היחידים שבדור**

אפילו אותן היחידים שאינם הולכים בעצת כל הדור, ורוצין לילך בדרך האמת,
יש גם כן סמיות עינים שקשה להם לראות ולידע את האמת

**עקסטערדעם איז** [דאָ א ׳צווייטן פשט׳ אין] **שסימיתי את עינם**[מא]**, אפילו דער איד וואָס ער וויל זיין אַ איד** [לעצמו, ואינו הולך אחר השפעת כל הדור], **איז אויך דאָס גרויסע ״סמיות עינים״, מ׳זעט נישט דעם אמת, ס׳איז ׳פאַרשטעלט׳ דער אמת.**

---

[לט] **בגמרא סנהדרין** (צז.): וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת (ישעי׳ נט, טו), מאי וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת, אמרי דבי רב, מלמד שנעשית עדרים עדרים והולכת לה. וכתב שם **המהרש״א** (חידושי אגדות): ובילקוט אמר, שנעשית עדרים עדרים **בַּמִּדְבָּר. ואיך שיהיה, נראה דרוצה לומר כי אנשי אמת יהיו הולכים ונחבאים במדברות מפני הדור הרע ההוא וכו׳**, דודאי יהיו גם צדיקים באותו דור, אלא שיהיה הצדיק מוחזק כשוטה ומשתולל בעיני הבריות.

ועיין **בויואל משה** (מאמר א, סוף סימן קעה) שהעיר על זה: ולפי פשוטו אינו מובן, הלא אי אפשר לחיות במדבר והוא סכנה. אלא נראה שאף בתוך הישוב המה במדבר שאין להם שייכות עם אנשי הישוב, שמובדלין ומפורשין זה מזה.

**ובדברי יואל מכתבים** (ח״א, מכתב עז, עש״ק נשא תשי״א) וז״ל: אין בכחי לפעול מאומה, ואין לשער גודל העון פלילי רחמנא ליצלן מה שגם אנשים המתנהגים על פי התורה הקדושה לקחו חבל במלכות המינות רחמנא ליצלן, שעל ידי זה נעשו שותפים בהפצת המינות ר״ל, ולכן חָזוּ לָהֶם מַשְׂאוֹת שָׁוְא וּמַדּוּחִים וְלֹא גִּלּוּ עַל עֲוֹנָם, ונחלט בלב כל ההמון בזה ענין גאולה וממשלת ישראל, ושאני מינות דמשכא, עד שאי אפשר עוד להסיע זה מלבם, **ואנשי מדינה זו מובדלין ומופרשין ממני, כי המה בכעס עָלַי, עבור שאני מתנגד לעבודה זרה זו, ואין אתי אלא אותן שבאו מקרוב מאיירופא מהמחנות שהמה רובם תלמידי וכו׳.** - ומה שכתב שהרבנים אין יודעים מה שנעשה שם וצריך להודיעם, אנכי הרואה שהכל יודעין מה שעושין שמה אבל אימת ההמון עליהם והבעלי בתים נותני המעות אין רוצים לקבל שום דבר אמת, וסר מרע משתולל על הבריות.

ובגמרא (סנהדרין צז.) מאי וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת מלמד שנעשה עדרים והולכת לה. ולא נתבאר בגמרא להיכן הולכת, ובמהרש״א שם הביא דברי הילקוט שכתב שנעשה עדרים בַּמִּדְבָּר, ופירש המהרש״א ז״ל הכוונה שאנשי אמת יהיו הולכים ונחבאים במדבריות מפני הדור הרע ההוא יעיי״ש. **ואולי לא הוצרכו לבאר בגמרא שהולכים ״למדבר״, יען שממילא הוא כן, שאף בישוב המה ממש כמו במדבר, שאנשי הישוב בורחים מהאמת** שהוא משתולל על הבריות, ובכל מקום שהאמת הולך הוא הולך למדבר, שאין לו שייכות עם הישוב.

[מ] **ברמב״ם** (הל׳ דיעות ו, א): דרך ברייתו של אדם להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר ריעיו וחביריו ונוהג כמנהג אנשי מדינתו, לפיכך צריך אדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים תמיד כדי שילמוד ממעשיהם, ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחשך כדי שלא ילמוד ממעשיהם וכו׳. וכן אם היה במדינה שמנהגותיה רעים ואין אנשיה הולכים בדרך ישרה, ילך למקום שאנשיה צדיקים ונוהגים בדרך טובים. **ואם היו כל המדינות שהוא יודעם ושומע שמועתן נוהגים בדרך לא טובה, כמו זמנינו,** או שאינו יכול ללכת למדינה שמנהגותיה טובים מפני הגייסות או מפני החולי, **ישב לבדו יחידי**, כענין שנאמר ישב בדד וידום. ואם היו רעים וחטאים שאין מניחים אותו לישב במדינה אלא אם כן נתערב עמהן ונוהג במנהגם הרע, **יצא למערות ולחוחים ולמדברות, ואל ינהיג עצמו בדרך חטאים**, כענין שנאמר (ירמי׳ ט, א) מִי יִתְּנֵנִי בַמִּדְבָּר מְלוֹן אֹרְחִים.

**אונ ס׳איזביידע** [פשטים נתקיים, בהפסוק וואָס] **ס׳שטייט** (ישעי׳ נט, טו) **וְהָאֱמֶת ׳נֶעְדֶּרֶת׳,** [הן כפירוש הרד״ק שם, שהוא העדר האמת לגמרי כפשוטו, והן כמו שפירשו בגמרא[מב] (סנהדרין צז.) מְלַמֵּד שֶׁנַּעֲשֵׂית עֲדָרִים] **עֲדָרִים וְהוֹלֶכֶת** [לָהּ][מג].

**ס׳איז דאָ ווייניג אידן וואָס זאָלן אפילו ״וועלן״ דעם אמת, נאָר אפילו ווער ס׳העט יאָ שוין ״געוואָלט״, - ווער ס׳האָט אַ ׳שטיקעלע רצון׳, אויך נישט קיין אמת׳דיגן רצון,** - [אפילו] **אַז מ׳האָט אַ ׳שטיקעלע רצון׳, נאָר דער ״סמיות עינים״** [עומד לנגדו], **מ׳ווייסט נישט דעם אמת,** - [ווי] **דער פסוק זאָגט, שסימיתי את עינם, ויעצם את עיניהם, - וועגן דעם גרויסן ״סמיות עינים״.**

## נה

### התחלת ישוב קושיא ד - ביאור המשך הרישא של המדרש

אם בהכאת עין אחת העבד יוצא לחירות, אף שיכול עדיין לראות בעין השני, כל שכן בישראל שניטל מהם כל כח הראייה, בהסתלקות עיני העדה שהם גדולי ישראל האמיתים, בדין הוא שיצאו לחפשי בגאולה השלימה

**איבערדעם איז רעכט וואָס דער מדרש זאָגט** [בסיום הרישא, דבדין הוא שיצאו חפשי].

**דער פסוק זאָגט לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ תַּחַת ״עֵינוֹ״, אַז מ׳נעמט שוין צו די אויגן אַז מ׳זעט גאָרנישט וואָס טוט זיך, אפילו ס׳בלייבט איין אויג,** [אָבער] **אַז מ׳האָט צוגענומען ״איין אויג״ איז לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ.**

[ואני הכיתי את ״שתי״ עיניהם של בָּנַי, שנאמר וַיְעַצֵּם אֶת ״עֵינֵיהֶם״, אינו בדין שיצאו לחפשי?].

**אוי אַז מ׳האָט צוגענומען דעם ׳גאַנצן׳ כח** [הראייה], **די ׳אַלע׳ ״עיני העדה״, דאָס גאַנצע דור דאָס פריערדיגע, וויפיל תורה און עבודה ס׳איז געווען צווישן אידן, וואָס פאַר אַ כח הנהגה ס׳איז געווען,** [הכל נטלו מאתנו].

**אַז מ׳האָט אַלעס צוגענומען, ויעצם את ״עיניהם״** [הם מנהיגים האמיתיים] (וכאופן א בישוב קושיא ה). [און] **דעס ביסל אידן וואָס זענען געבליבן** [מבקשי אמת], **איז מען אויכעט מיט ״סמיות עינים״, מ׳ווייסט נישט דעם אמת. אפילו מ׳העט ״געוואָלט״ וויסן, איז מען אויך אין חוֹשֶׁךְ וְאָפֵל, מ׳ווייסט נישט דעם אמת** (וכאופן ב בישוב קושיא ה).

**איז בדין הוא שיצאו חפשי! פאַר דעם אַליין איז שוין גענוג אַ טעם אַז מ׳זאָל אַרויסגיין חפשי!.** [אַז] **ירחם השם יתברך, מ׳זאָל זוכה זיין** [צו] **די גאולה.**

**אַזוי זאָגט אַרויס דער פסוק, און חכמינו ז״ל האָבן אַזוי מעיד געווען, אַז בדין הוא שיצא חפשי.**

## נו

### ׳הקטרוג׳ של הסמיות עינים, הוא עצמו ׳לימוד זכות׳ היותר גדול

**ווי גרעסער דער קטרוג איז,** [ווייל] **ס׳איז דאָ אַ סמיות עינים אַז מ׳ווייסט נישט גאָרנישט און מ׳זעט נישט גאָרנישט. איבערדעם** [אַליין] **איז לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ** [תחת ׳עינו׳] **זאָגט דער פסוק.** [שהתירוץ של הסמיות עינים זהו גופא הוא לימוד זכות (וכדלעיל אות לב)].

(ועיין עוד לקמן אות צא)

---

[מא] לכאורה החילוק בין פשט הראשון להשני, דלפשט הראשון קאי על כלליות הדור ומנהיגיו, ולפשט השני קאי גם בפרטיות על כל יחיד בפני עצמו, אפילו לאותן יחידי סגולה שאינם הולכים בעצת הדור.

[מב] כדהובא לעיל בהערה לט.

[מג] עיין ענין זה בס״ג שמות תשי״ד שהאריך שם רבינו בביאור מה שאמרו דבעיקבא דמשיחא תהא האמת נעדרת, ושנעשית עדרים והולכת לה (והוא בדברי יואל שמות עמוד קיז, ד״ה והנה הרד״ק). **ובדברי יואל להושענא רבה** (אות קפ, ד״ה ואפ״ל). וע״ע בפרשת בראשית (עמוד צו), ועוד. וע״ע לעיל בהערה לט.

### נז
### אופן א בישוב קושיא ד - ביאור המשך הסיפא של המדרש

ר' ברכיה בא ג"כ ללמד זכות על ישראל לצאת חפשי מהגלות, כי הכתוב שש שנים יעבוד, רומז על שש מאות שנה הראשונות של אלף השביעי, ועל שתא אלפי שנין, "ובשביעית" יצא לחפשי חנם, רומז על מאה השביעי ועל אלף השביעי, כי לאחר שנת ת"ר לאלף הששי כבר שייך להכנת אלף השביעי, כדוגמת ערב שבת שהוא הכנה לשבת

**אמר רבי ברכיה, זאָגט ווייטער דער מדרש** [בהסיפא], **כתיב שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד** [**וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי**], **רבי ברכיה האָט געוואָלט אפשר "מלמד זכות" זיין** [באופן אחר].

**וואָרן לעולם וּבַשְּׁבִיעִית, ס'שטייט דאָך אין זוהר הקדוש, אין זוה"ק** (וירא קיז.) **שטייט דאָך** [ברמז הפסוק] (נח ז, יא) **בִּשְׁנַת שֵׁשׁ מֵאוֹת שָׁנָה לְחַיֵּי נֹחַ, אַז נאָך שנת ת"ר** [לאלף הששי] **איז אַן הכנה צום אלף השביעי, דעמאָלטס איז שוין דער זמן הגאולה, וואָרן דער אלף הששי איז אַן הכנה** [לאלף השביעי]. **אַזוי זאָגט דאָך דער זוהר הקדוש.**

**איבערדעם רבי ברכיה האָט געזאָגט, דער אמת איז, מ'האָט צו 'דעם'** [ללימוד זכות של "הסמיות עינים"] **אויך נישט געברויכט אָנקומען** [כדי ללמד דבדין הוא שיצאו חפשי, דהלא] **ס'שטייט שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד** [שמרמז על שש מאות הראשונות של אלף הששי], **"וּבַשְּׁבִיעִית"** [יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם, מרמז על מאה השביעית]. **מען האַלט שוין 'נאָך'** [=לאחר] **שש מאות שנה, שוין מער, נאָך איבער הונדערט יאָר שפּעטער ווי די שש מאות שנה.** [ועוד כי וּבַשְּׁבִעִת רומז על אלף השביעי, ועתה שהוא סוף אלף הששי, איז] **שוין** [בחינת] **פרייטיג פאַרנאַכטס** [שצריכין להכין לשבת מבעוד יום], **מ'האַלט שוין, דאָס ווערט שוין גערעכנט צום "שביעי"**, [והכתוב אומר] **"וּבַשְּׁבִיעִית" יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם, אַזוי ווי די בחינה פון בריאת העולם** [דשתא אלפי שנין של עמידת העולם, ואח"כ אלף השביעי שהוא יום שכולו שבת].

### נח

**אָבער אפשר גאָר קאָן זיין ס'איז ביידע אמת** [שתי הלימודי זכות, הן של הסמיות העינים והן של איחור השנים, כי רבי ברכיה אינו חולק על הת"ק, אלא בא להוסיף עוד לימוד זכות], **קאָן זיין דאָס איז עס** [הכוונה בדברי המדרש].

### נט

**איי פאַרוואָס דען איז דאָס 'דאָך' געשען** [שנענשנו הן בסמיות עינים והן באיחור הגאולה, ושעדיין לא נושענו עד עתה], **דאָס איז דער עוון הדור** [גורם].

### ס
### אופן ב בישוב קושיא ד - המשך הסיפא

ענין שילוח עבדים בשנה השביעית, ושש שנים יעבוד, הוא כדוגמת שבת ושמיטה שהוא זכר ליציאת מצרים ולחידוש העולם

**אָבער אפשר קאָן זיין** [עוד בדברי רבי ברכיה, שלא בא להוסיף לימוד זכות, אלא אדרבה בא לבאר למה באמת נענשו בסמיות עינים כזה ובאריכות הגלות, ולזה הביא הכתוב שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וגו', דלפי פשוטו קאי על מצות שילוח עבדים בשנה השביעית].

[כי בטעם מצות] **"וּבַשְּׁבִעִת" יֵצֵא, זאָגן זיי דאָך דעם פשט, ווי דער אלשיך הקדוש זאָגט**[מד]**, און דער כלי יקר**[מה]**, אַז דאָס** [שילוח עבדים בשנה השביעית] **איז די זעלבע**

---

[מד] בספר תורת משה להאלשיך (כא, יב): ועל כן נצטוינו להשתעבד בו שש שנים, כנגד ששת ימים שברא הקב"ה בהם את העולם, ומשלחו חפשי בשביעית, לרמוז בעבד הלז ענין בריאת העולם וכו'.

[מה] **בכלי יקר** (כא, ב): וטעם לשש שנים יעבוד, יש אומרים שסתם שני שכיר ג' שנים וכו', והוטל עליו משנה שכר שכיר בעבור הקנס של כפל וכו'. ויש אומרים שזהו דוגמת כל השביעיות שנבחרו למנוחה, לזכר חידוש העולם, כמו "השבת והשמיטה והיובל", כי כל שביעי נבחר למנוחה. **וזה יותר נכון וקרוב לשמוע.**

KolSatmar.com

וואָס שבת און שביעית [=שמיטת הארץ], אַז דער **שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם**, דאָס איז הא בהא תליא [בענין שבת ושמיטה, כי טעם המצוה הוא יען] מיט דעם איז מען מזכיר[מו] **יציאת מצרים און בריאת העולם**.

### סא

ועל כן הוא מצוה חמורה, וכשביטלו אותה נגזר עליהם הגלות בין האומות

איבערדעם זאָגט מען [במגילת איכה] (א, ג) **גָּלְתָה יְהוּדָה מֵעֹנִי ״וּמֵרֹב עֲבֹדָה״**, [ופירשו חכז״ל[מז] דלכן גָּלְתָה יְהוּדָה] **ווייל מ׳האָט נישט מקיים געווען מצות ׳שילוח עבדים׳** [בשנה השביעית, ועשו עמהם רוֹב ׳עֲבוֹדָה׳ אף לאחר כן].

**זאָגט מען פאַרוואָס** [גָּלְתָה יְהוּדָה], **איז דער פשט** [מֵעֹנִי וּמֵרֹב עֲבֹדָה, ווייל] **מ׳האָט נישט מקיים געווען מצות שילוח עבדים**, [דאָס] **איז געווען דער חסרון פאַרוואָס ס׳איז** [נתקיים הכתוב] (תבא כח, סח) **וְהִתְמַכַּרְתֶּם** [שָׁם לְאֹיְבֶיךָ] **לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת**, [תחת יד האומות עבור ששיעבדו בעבד עברי לאחר שש], **ווי מ׳געפין מיר, און ווי ס׳איז דאָ אין ירושלמי**[מח].

[והטעם בחומר חטא זה], **ווייל דאָס ווייזט אויף דער אמונה, פונקט אַזוי ווי שבת, די אַלע** [ענינים שהם במספר] **שש** [ואח״כ] **ובשביעית** [הוא קודש, כשבת שמיטה ויובל ושילוח עבדים], **דאָס ווייזט אויף שביעית, איבערדעם איז דאָס אַזוי גרויס** [און האַרב, וכמבואר בפסוקי ירמיה (סימן לד) שבהפטורת פרשה זו שעבור זה נענשו כ״כ בעת החורבן].

### סב

וזה שביאר ר׳ ברכיה, כי טעם שנענשו בסמיות עינים ובהתעכבות הגאולה, הוא מפני שעברו על הכתוב שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וגו׳

**איבערדעם** [אמר רבי ברכיה] **ס׳שטייט ״ובשביעית״ יצא לחפשי חנם, נאָר ווייל מ׳האָט עובר געווען אויף דעם, אויף דער כח האמונה** [ולא קיימו פסוק זה], **׳דעס׳ האָט גורם געווען דעם ״סמיות עינים״** [הנזכר בדברי התנא קמא], **און דעס איז געווען דאָס ״התעכבות הגאולה״.**

---

[מו] פירוש ׳עושין זכר׳ ליציאת מצרים, ולאמונת חידוש העולם.

והביאור בזה, דמצוה זו הוא כמו שנזכר בכתוב לענין מצות ״שבת״, דבלוחות הראשונות נאמר בטעם השבת (יתרו כ, יא) **כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה ה׳ אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ וגו׳ וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי**, ובלוחות האחרונות נאמר הטעם (ואתחנן ה, טו) **וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיֹּצִאֲךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ וגו׳ עַל כֵּן צִוְּךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לַעֲשׂוֹת אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת**. וברמב״ן (ואתחנן שם) האריך בענין השבת.

וכן כתב **הרמב״ן** כאן (כא, ב) לענין ״שילוח עבדים״, וז״ל: מפני שיש **בשילוח העבד** בשנה השביעית **זכר ליציאת מצרים** הנזכר בדבור הראשון [של עשרת הדברות], כמו שאמר בו (ראה טו, טו) **וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּפְדְּךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ עַל כֵּן אָנֹכִי מְצַוְּךָ אֶת הַדָּבָר הַזֶּה הַיּוֹם** [לשלוח העבד, ולהעניק לו]. **ויש בה עוד זכר למעשה בראשית** ״כשבת״, כי השנה השביעית לעבד שבתון ממלאכת אדוניו כיום השביעי. ויש בה עוד שביעי בשנים שהוא היובל, כי השביעי נבחר בימים ובשנים ובשמטות, והכל לענין אחד, והוא סוד ימות העולם מבראשית עד ויכלו, ולכן המצוה הזאת ראויה להקדים אותה [תיכף לאחר מתן תורה], שהיא נכבדת מאד, רומזת דברים גדולים במעשה בראשית. ולכך החמיר בה הנביא מאד, ואמר (ירמי׳ לד, יג-יד) **כֹּה אָמַר יְהוָֹה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָנֹכִי כָּרַתִּי בְרִית אֶת אֲבוֹתֵיכֶם בְּיוֹם הוֹצִאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים לֵאמֹר מִקֵּץ שֶׁבַע שָׁנִים תְּשַׁלְּחוּ אִישׁ אֶת עַבְדּוֹ וְאִישׁ אֶת שִׁפְחָתוֹ**, וגזר בעבורה הגלות (שם יז-כב).

[מז] **בתרגום יונתן** (איכה שם): איזילו בית יהודה בגלותא, על דהוו ׳מענין׳ יתמין וארמלן, ועל ׳סגיאות פולחנא׳ דהוו מפלחין באחוהון בני ישראל דאזדבנו להון, ולא קרו חירותא לעבדיהון ואמהתהון דהוו מזרעית ישראל, ובגין כן אף אנון אתמסרו ביד עממיא וכו׳. וכן הוא **במדרש רבה** (איכה א, כט): **ומרוב עבודה**. אמר ר׳ אחא, על שהיו משתעבדים בעבד עברי, כמה דאת אמר (ירמי׳ שם, יד) מקץ שבע שנים תשלחו.

[מח] **בירושלמי ראש השנה** (פ״ג ה״ה, דף יז.) אמר רבי הילא, לא נענשו ישראל אלא על פרשת שילוח עבדים, הדא הוא דכתיב (ירמי׳ שם) מקץ שבע שנים תשלחו איש את אחיו העברי וגו׳.

KolSatmar.com

### סג
### ישוב קושיא ו

**איבערדעם איז דער אמת. די מסורה זאָגט, לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים מלוכלך בחובין** [ורומז על ימי הגלות שיעשו תשובה ולא יתלכלכו בעבירות, וכדברי הזוה"ק דלעיל (אות יא)]**.**

**זאָגט אָבער די מסורה,** [דהעצה לזה הוא להיות] **כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ [בִּגְבֻרָתוֹ].**

### סד
בישמח משה: מן תנועת והילוך השמש יש ללמוד איך לילך נגד טבעו ומהלכו, כדי לעשות רצון קונו

[ויבואר הכוונה, דהנה] **ס'שטייט אין ישמח משה**[מט] **אַז די זון** [גייט פאַרקערט ווי דער גלגל, ועל דרך זה מפרש גם בפסוק] **מַה יִּתְרוֹן לָאָדָם בְּכָל עֲמָלוֹ שֶׁיַּעֲמֹל "תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ", מ'זאָל זיך לערנען פון דער "זון".**

**די "זון" - זאָגן זיי דאָך** [די חוקרים] **- גייט איין גלגל אין אַנדערן, 'דער' גייט פאַרקערט** [היינו גלגל היומי שהוא גלגל הגדול]**, און ער** [השמש עם גלגל השמש שבתוך גלגל היומי] **איז זיך מתגבר און גייט פונקט פאַרקערט ווי דער גלגל** [הגדול] **פירט אים, אַזוי זאָגן זיי דאָך די חוקרים.**

**פון דעם קאָן מען זיך לערנען, אַז** [סיי] **וויאַזוי די גלגלים גייען** [היינו תנועות הטבעיים של האדם, און] **כאָטשיג עס פירט פאַרקערט פונעם רצון הבורא ברוך הוא, דאַרף מען זיך 'מתגבר' זיין** [לילך נגד הגלגל והטבע]**. דאָס איז דאָס גאַנצע לעבן פון אַ מענטש,** [לעבוד את ה'] **מיט "התגברות"** [נגד הטבע שלו]**. -** [עד כאן תוכן דברי הישמח משה]**.**

---

[מט] **בישמח משה** (פרשת וירא, ד"ה והוא יושב)**: שאמרנו לפרש הפסוק וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ, על פי מה שפירש באגודת אזוב** (קלח ג, גבעול א) **על הפסוק** (קהלת א, ה) **וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ [וּבָא הַשָּׁמֶשׁ, וְאֶל מְקוֹמוֹ שׁוֹאֵף זוֹרֵחַ הוּא שָׁם], וז"ל,** ביאור הענין כי למדתי מדעת קדושים שהשמש יש לה ב' תנועות, תנועה ישרה שלה היא ממערב למזרח, אלא שגלגל היומי מקיפה בכל יום סביבות הכדור ממזרח למערב, כי הוא גדול, והשמש בהכרח נגררת אחריו, אבל מכל מקום מעט מעט הולכת תנועתה הישרה ממזרח למערב, עד שתשלים בשס"ה ימים להקיף הכדור פעם אחת, וטרם תקיף תנועה ישרה שלה, תהיה מקפת תנועה הפכית שס"ה סבובים. ותנועה ישרה נקרא "הליכה", שבכל יום תלך מעט בדרך ישרה שלה, אבל תנועה הפכית שלה נקרא "סביבה", כי בכל יום תקיף כדור הארץ בהכרח, כי מקומה היא גלגל היומי, והשמש עם גלגלה נגררין אחריו. והנה גלגל היומי נקרא מקום השמש, כי הוא מקום השמש העצמי, ואין השמש נקרא מקום הגלגל, כי היא טפל אל גלגל היומי. וז"ש **וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ וּבָא הַשָּׁמֶשׁ**, ר"ל מה שתראה זריחת השמש הוא בעצם ביאת השמש, כלומר זריחה ושקיעה כחדא שריין, והטעם **וְאֶל מְקוֹמוֹ שׁוֹאֵף**, הגלגל היומי נקרא 'מקום' השמש כמו שכתבתי, והשמש בהכרח שׁוֹאֵף אליו, והגלגל היומי מעבירו על דת מהלכו להפך תנועתו, ובהכרח הזה **זורח הוא שם**, 'שם' דייקא, באשר מהלך גלגל היומי מקיפו. ואמר עוד (שם, ו) **הוֹלֵךְ אֶל דָּרוֹם**, נתן משל כאילו השמש ברקיע באמצע רוח מערבית ורוצה ללכת אל קצה המערב לדרום, אך **וְסוֹבֵב אֶל צָפוֹן** מסיבת גלגל היומי המכריחו להיות סובב היפך תנועתו, **סוֹבֵב סֹבֵב הוֹלֵךְ הָרוּחַ**, ר"ל עם כל הסיבובים הללו היא מהלכת מעט בכל יום כפי רצונה הישרה, ואמר **וְעַל סְבִיבֹתָיו**, ר"ל כמו עם סביבותיו, ור"ל ועם כל ריבוי סביבותיו, מכל מקום **שָׁב הָרוּחַ** ורצון השמש על מקומו, ולא ימנענה כל אותן סיבובים מלהלוך דרכה דרך הישרה, בשס"ה הקפים הפכיות פעם אחת ישר. - **והנמשל, כן הצדיק יאחז דרכו ללכת להשלים רצון קונו לגשת אל הקודש, אף אם תנועות הפכיות המרחיקות מקיפין אותו, הוא היצר הרע, עם כל זה ברבות הזמני ישלים חוקו האמיתי ועל מקומו יבא בשלום, עד כאן דבריו** [של האגודת אזוב].

והיוצא לנו מזה כי השמש יש לה מנגד למהלכה הטבעי שמכריחה להיפך שס"ה פעמים קודם הליכתה פעם אחת, אף על פי כן איננה מניחה את שלה אף רגע אחד, והולכת לאט עד שתגמור הליכתה, **והוא מוסר גדול ויסוד גדול בעבודת השי"ת**, כי סיבת כל חולי הנפש הוא על ידי סיבת המונעים, ושערי תירוצים לא ננעלו. וזה אצלי ביאור אמרם (נדרים ח:) לעתיד לבוא הקב"ה מוציא חמה מנרתיקה, **הצדיקים מתעדנים בה**, כי הם המתנהגים בבחינותיה ואינם שמים עיניהם אל התנועות המעכבות והעיכובים, **והרשעים** שיש להם תירוצים מכח המניעות והעכובים, **נידונים בה**, כי היא מחייבתן, והבן.

וז"ש **וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ**, ירצה שהם עושים כמעשה השמש כאמור וכו', וז"ש (קהלת שם, ג) **מַה יִּתְרוֹן לָאָדָם בְּכָל עֲמָלוֹ שֶׁיַּעֲמֹל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ**, ר"ל שכל היתרון לאדם הוא רק אם יעמול בבחינת השמש, לשבור זרוע המניעות והעיכובים, ולעבוד את בוראו ב"ה על דרך הילוך השמש, וכאמור. (וע"ע בהפטרת ויקרא, ד"ה וזרחה).

KolSatmar.com

### סה

וזה ביאור המסורה: **לא תצא כצאת** "העבדים" מלוכלך בחובין, רק יעשו תשובה בגלות, והעצה לזה להתנהג **כצאת** "השמש" בגבורתו, שמתגבר נגד טבעו. ואם לא קיימו העצה לעשות כן, אז עכ"פ **והיה כצאת** "משה" **אל האהל** בביאת אליהו ומשיח, אז יעשו כל ישראל תשובה שלימה

[ובזה יבואר המסורה], **ער זאָגט דאָ לֹא תֵצֵא כְּצֵאת "הָעֲבָדִים"** [שלא יצאו מהגלות כשהם מלוכלכין בעונות], **איי וויאַזוי 'קומט מען דאָס דורך' אין "גלות"** [שלא להיות מלוכלך בחובין], **זאָגט ער כְּצֵאת "הַשֶּׁמֶשׁ" 'בִּגְבֻרָתוֹ'** [דהעצה להתגבר תמיד נגד טבעו, כדרך שעושה השמש במהלכו נגד הגלגלים].

[ועל זה ממשיך המסורה, נון] **וואָס זאָל מען טאָן** [אם לא קיימו העצה להתגבר נגד טבעם], **וואָס וועט זיין דער תכלית, אַז מ'דערזעט זיך אין עומק הגלות** [און] **מ'האָט זיך 'נישט' מתגבר געווען. נאָר וְהָיָה כְּצֵאת "מֹשֶׁה" אֶל הָאֹהֶל, ווען משה רבינו וועט קומען מיט אליהו'ן צוזאַמען, דעמאָלטס וועט מען תשובה טאָן** (וכדלעיל אות יב).

### סו

**אָבער על כל פנים איז דאָס גרויסע התגברות פונעם גלות.**

### סז

הקדמה לישוב קושיא **א-ב-ג**

כחם של בית דין שלמטה למעלה בשמים

**מיט דעם וועל מיר צוקומען דאָ צו דעם מדרש** [שהתחלנו בון], **אַז דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט אם אין אתם שומרים את הדינים אני נוטל את תורתי.**

### סח

הקב"ה עצמו שומר משמרתה של תורה, כפי פסק החכמים, ומקיים דברי החכמים שהם מבטלין הגזירות מעל ישראל

(עד אחר אות עג)

**לעולם שטייט דאָך אין מדרש אין די וואָכעדיגע סדרה**[נ], [ואלה המשפטים, הה"ד מגיד דבריו ליעקב] **"חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו" לְיִשְׂרָאֵל, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט, איך האָב געגעבן די משפטים** [וגם אני מקיים אותם], **זאָגט ער, אַ בשר ודם איז גוזר אַ גזירה און ער** [אַליין] **האַלט נישט,** [אָבער] **דער בורא כל עולמים, דאָס זעלבע וואָס ער הייסט טאָן, טוט 'ער' אויך, איבערדעם איז "חקיו ומשפטיו"** [שהגיד לישראל החקים ומשפטים "שלו", שהוא עצמו מקיימם], **דער בורא כל עולמים אַליין איז אויך מקיים,** [ער איז] **שומר את התורה.**

### סט

[ווי] **ס'שטייט, דער זיידע זכרונו לברכה זאָגט אין ייטב לב**[נא], [לפרש הפסוק] (קדושים יט, ב) **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם.** [בהקדם וואָס] **די גמרא זאָגט** (יבמות

---

[נ] **בשמות רבה** (ל, ט), והובא לעיל ריש הערה י.

[נא] **בייטב לב** (קדושים) [במקוצר]: קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם. ואמרו חז"ל (יבמות כ.) אמר אביי כל המקיים דברי חכמים נקרא קדוש וכו', אמר רבא קַדֵּשׁ עצמך במותר לך. ונראה דזה עצמו טעמו של אביי שאמר המקיים דברי חכמים נקרא קדוש, משום שמקדש עצמו במותר לו. ובמדרש **תנחומא** סוף נשא (סימן כט) לא יאמר אדם איני מקיים מצות זקנים שאינן מהתורה, אמר להם הקב"ה, בָּנַי, כל מה שגוזרים עליכם תהיו מקיימים, שנאמר (דברים יז, יא) וְעָשִׂיתָ וגו' עַל פִּי הַתּוֹרָה אֲשֶׁר יוֹרוּךָ, למה, שאף על דבריהם אני מסכים, שנאמר (איוב כב, כח) וְתִגְזַר אֹמֶר וְיָקָם לָךְ. תדע, שהרי יעקב בשעה שברך מנשה ואפרים כתיב וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה, וקיים הקב"ה גזירתו, שנאמר בַּיּוֹם 'הַשְּׁבִיעִי' נָשִׂיא לִבְנֵי אֶפְרָיִם (במדבר ז, מח), בַּיּוֹם 'הַשְּׁמִינִי' נָשִׂיא לִבְנֵי מְנַשֶּׁה (שם, נד), ע"כ דבריו. ובזה נדרוש וכו' **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ**, שתקיימו דברי חכמים ותהיו נקראים קְדֹשִׁים, כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' **אֱלֹקֵיכֶם**, כביכול גם אני שומע לדברי חכמים, ואני מחמיר על עצמי לקיים גזרתכם, כדמוכח מיעקב.

KolSatmar.com

כ.) כל המקיים דברי חכמים נקרא 'קדוש', אַזוי שטייט דאָך, [און] **חכמינו ז"ל** זאָגן (תנחומא נשא, כט) הקב"ה האָט געזאָגט עטץ זאָלט האַלטן **מצות זקנים**, [ווייל] איך האָב אויך מקיים געווען מצות זקנים, [שהרי] יעקב אבינו **וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה** (ויחי מח, כ), [און] צו דעם האָט דער בורא כל עולמים מסכים געווען על ידו, און ער זאָגט אויך "אפרים ומנשה" ביי יעדע זאַך [ולא "מנשה ואפרים"]. דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט ער איז אויך מקיים מצות זקנים.

מיט דעם טייטשט ער אין **ייטב לב**, **"קְדֹשִׁים" תִּהְיוּ**, [על דרך] כל המקיים דברי חכמים נקרא "קדוש", [והיינו] עטץ זאָלט מקיים זיין 'מצות חכמים', **כִּי "קָדוֹשׁ" אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם**, ווייל איך בין אויך אַ **מקיים דברי חכמים**.

**ע**

אַזוי שטייט דאָך אין **קדושת לוי**[נב] [לפרש מאמרם ז"ל] (סנהדרין צב:) **ביקש נבוכדנאצר** לגנות כל שירות ותשבחות שאמר דוד המלך וכו', מה אמר, (דניאל ד, לב) **כְמִצְבְּיֵהּ עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא** [וְדָיְרֵי אַרְעָא, וְלָא אִיתַי דִּי יְמַחֵא בִידֵהּ וְיֵאמַר לֵהּ מָה עֲבַדְתְּ. ופירש"י, כרצונו עושה בצבא השמים ובדיירי הארץ, ולא יֶשְׁנוֹ מי שימחה בידו].

ווייל דער בורא כל עולמים טוט דאָס וואָס "אידן" זאָגן [בזמן שישראל אהובים לפני הקב"ה], איבערדעם 'צדיקים' האָבן געהאַט אַ כח, האָבן זיי **מבטל** געווען אַלע **"גזירות רעות"** פון אידן. ווען אידן האָבן געבערויכט, איז געווען אַ כח [מלמטה, לפעול למעלה].

אָבער דעמאָלטס [התיירא נבוכדנצר אולי הצדיקים שבדור יבטלו גזירותיו ויתפללו לבנות הבית המקדש מחדש, ולכן] ער האָט געזאָגט **"כְמִצְבְּיֵהּ" עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא**, [שיעשה כמו שהוא רוצה, ולא כפי רצון בני ישראל, ואמר כן כדי להמשיך] אַז זיי זאָלן נישט קיין כח האָבן [בבי"ד שלמטה].

מיט דעם האָט ער מגנה געווען שירות ותשבחות שאמר דוד המלך ע"ה [שאמר בתהלותיו (תהלים קמה, יט) רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה וְאֶת שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע וְיוֹשִׁיעֵם, וכן כל תהלותיו מלא בבחינה זו שהקב"ה כביכול עושה כרצונינו].

דער קדושת לוי פירט דאָך [=מאריך ובונה דרושים] מיט דעם [ענין] כסדר, [שהצדיקים יכולים לבטל הגזירות].

**עא**

אַזוי ווי ס'שטייט אין[נג] **נועם אלימלך**, [לפרש החרוז] (בפיוט האדרת והאמונה) **הַנּוֹי וְהַנֵּצַח לְחַי עוֹלָמִים**, אַן אַנדערער אַז מ'איז אים "מְנַצֵּחַ", שעמט ער זיך, [אָבער] הקב"ה האָט הנאה - ער זאָגט **נִצְּחוּנִי בָּנַי**[נד] - אַז אידן זענען [אים] **מְנַצֵּחַ**.

---

[נב] עיין באורך **בקדושת לוי** (בקדושה שלישית לפורים, ובריש פרשת נח, ובדרוש לפורים שבפרשת תשא ד"ה בלילה ההוא).

[נג] **בנועם אלימלך** (ריש פרשת דברים): כבר הקדמנו וכתבנו שהצדיק על ידי מעשיו הקדושים יכול לבטל כל הגזירות מישראל, ולהשפיע להם, כאשר תִגְזַר אֹמֶר וְיָקָם (איוב כב, כח), הקדוש ברוך הוא מקיים דבריו וכו'. והשי"ת ברוך הוא רוצה בזה, כדאיתא (ב"מ נט:) [שאמר הקב"ה] **נִצְּחוּנִי בָּנַי** וכו'. וזהו **הַנּוֹי וְהַנֵּצַח לְחַי עוֹלָמִים**, רוצה לומר שיהיה לו לנוי כשמנצחין אותו [זהו רק לחי העולמים, אבל לא בבשר ודם].

**ובישמח משה** (פרשת נח, ד"ה באופן אחר נראה) כתב וז"ל: כמו ששמעתי בשם החסיד הקדוש האלקי המפורסם מו"ה אלימלך מלוזענצק זצוק"ל שאמר לפרש מה שיסדו בחרוז האדרת והאמונה, הנוי והנצח לחי העולמים, כי מלך בשר ודם אם מנצחין אותו אין זה תפארתו, אבל הקב"ה ית"ש הוא תפארתו ותהלתו שמניח לבניו שינצחוהו כביכול, וקא חדי ואמר ניצחוני בני כמבואר בבבא מציעא פרק הזהב (שם) בתנורו של עכנאי.

KolSatmar.com

**עב**

**אַז מ'גייט מיט'ן דרך התורה** [יכולים בני ישראל לפעול הכל בשמים], **איבערדעם** [ווייל] **תורה לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא** (בבא מציעא נט: הובא בהערות).

**איבערדעם** [בזה ביארו הגמרא][נה] **ווען מ'האָט געוואָלט** [למנות את שלמה בין המלכים שאין להם חלק לעולם הבא], **האָט ער זיך משתטח געווען דוד המלך** [לפני החכמים שלא למנותו], **ווען זיי** [החכמים] **האָבן זיך אָפּגעשמועסט למנות את שלמה האָט זיך דוד המלך** [געווען] **משתטח קמייהו.** [והגם שבשמים דנו אותו לעולם הבא, עכ"ז ביקש דוד מהחכמים שגם הם יסכימו לזה], **וואָרן ווען זיי העטן עס גיווען אָפּגעטאָן** [למנות אותו], **העט געווען פאַרפאַלן,** [שאף בשמים אין הולכים נגד פסק החכמים בעולם הזה][נו].

[וכן מצינו עוד בגמרא][נז], **האָט הקב"ה מחולק געווען מיט מתיבתא דרקיע?, איז מען געגאַנגען** [למטה בארץ] **פרעגן** [פון] **רבה בר נחמני.**

**עג**

**איבערדעם איז אַמאָל** [זיכער], **אידן האָבן אַ כח געהאַט, כשם שאומרים בבית דין של מטה כך אומרים בבית דין של מעלה**[נח], **איבערדעם האָבן אידן אַ כח געהאַט מבטל צו זיין די גזירות.**

**עד**

אבל כחם של בי"ד שלמטה לפעול בשמים, תלוי במה שבני ישראל שומרין משפטי התורה

**אָבער ווען איז דאָס געווען?, ווען דאָס דור איז געווען 'אונטערוואָרפן' אונטער די בתי דינים "של ישראל", אונטער די "דיני התורה".**

**אַזוי שטייט דאָך, דער בני יששכר זאָגט דאָך אַזוי ביי ראש השנה** (תשרי מאמר ג, סוף דרוש ב), **ווען אידן זענען אונטערוואָרפן אונטער דיני התורה, פירט זיך ביים "בית דין**

---

**והיינו הנוי והנצח, הוא רק לחי העולמים, ודפח"ח וש"י.** - [ועיין בייטב פנים להושענא רבה, ד"ה למען רחמיך הרבים].

[נד] **בגמרא בבא מציעא** (נט:) במחלוקת רבי אליעזר וחכמים בענין תנור של עכנאי, אמרו שם שיצאתה בת קול מן השמים ואמרה שהלכה כרבי אליעזר, עמד רבי יהושע על רגליו ואמר, לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא וכו' שכבר נִתְּנָה תורה מהר סיני, אין אנו משגיחין בבת קול, שכבר כָּתַבְתָּ בהר סיני בתורה אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת (משפטים כג, ב) [ורוב החכמים הכריעו שלא כרבי אליעזר]. - אשכחיה רבי נתן לאליהו, אמר ליה, מאי עביד קודשא בריך הוא בההיא שעתא [כשהכריעו ההלכה כחכמים]. אמר ליה, **קָא חָיֵיךְ וְאָמַר נִצְּחוּנִי בָּנַי, נִצְּחוּנִי בָּנַי.**

[נה] **בגמרא** (סנהדרין קד:) **שבקשו למנות את שלמה בין אותן שאין להם חלק לעוה"ב, באה דמות דיוקנו של דוד ונשתטחה לפני החכמים שלא למנותו עמהם.**

[נו] עיין בחינה זו בקיצור נמרץ בדברי הישמח משה בפרשתן (ד"ה עוד ביאור), שכתב שם לבאר דברי המדרש (המובא בקושיא א-ב-ג) לפי דרכו, אבל בתוך הדברים כתב כעין בחינה דידן, וכתב שם וז"ל: **ואם אתם עושין וכו' הרי הוא מחזיר בתי דינין שלכם, דהיינו שיהיו הם בבחינת בית דין של מעלה כמו שהיה מקדם, שהיו דנין בדיני עולם הבא, כמו "אתא דוד ואשתטח קמייהו" והבן, ומכל שכן בביטול הגזירות מעניני עולם הזה שהיה מסור ביד,** עכ"ל היש"מ. ורבינו בא לבאר המדרש ע"פ הקדמות אחרות, אבל בפרט זה הוא כעין דברי היש"מ, ורבינו מרחיב כאן ביאורו.

ובביאור הענין בכלליות מה שרצו החכמים למנות את שלמה, עיין בדרושי רבינו על שיר השירים וקהלת (בימי פסח וסוכות), שהאריך בכמה אנפין לבאר ענין זה.

[נז] **בגמרא בבא מציעא** (פו.): קא מיפלגי במתיבתא דרקיעא, [דהדין הוא] אם בַּהֶרֶת קודמת לשֵׂעָר לָבָן טמא ואם שער לבן קודם לבהרת טהור, [ואם הוא] ספק [איזה מהם קדמה, על זה מיפלגי במתיבתא דרקיעא], הקדוש ברוך הוא אומר טהור, וכולהו מתיבתא דרקיעא אמרי טמא, ואמרי מאן נוכח, נוכח **רבה בר נחמני** וכו'.

[נח] מעין לשון נוסח התרת נדרים, כשם 'שמתירין' בבית של מטה וכו'.

של מעלה" אויך מיט די "דיני התורה" [ועל פי משפטי התורה יש כמה אופנים האיך ללמד זכות על ישראל ולזכותם בדין, אף כשאין ראויים, עיי"ש באורך]. אָבער חלילה ווען אידן וואַרפן זיך אַרונטער אונטער 'אַנדערע דינים' וואָס זענען נישט דיני התורה, דינים של עכו"ם, חלילה פאַרדאַרבט מען 'דאָס', הערט זיך אויף 'דער' כח [מה שנמסר לבית דין שלמטה לפעול בבית של מעלה לטובת ישראל]. – [עד כאן תוכן דברי הבני יששכר].

### עה
### ישוב קושיא א-ב

ובזה יבואר לשון נתתי לכם את "תורתי", דקאי על מה שהקב"ה שומר התורה למעלה בשמים,
שגם זה מסר להחכמים לפסוק הדין בשמים

**דאָס איז דער פשט אני נוטל את "תורתי".**

הקב"ה האָט דאָך 'זיין' תורה, וואָס 'ער' ברויך האַלטן [וכדלעיל (באות סז) שעל כן נקראים "חקיו ומשפטיו" שלו, ולכן נקראת "תורתו" שלו].

'דאָס' [תורה שלו] האָט ער אויך געגעבן פאַר אידן, פאַר אידן **צדיקים שבדור**, די **בתי דינים שלמטה** האָבן דַן געווען און **מבטל** געווען **כל הגזירות רעות** [למעלה בשמים], און הקב"ה איז **שומר משמרתה של תורה**, און מקיים געווען **מצות זקנים** (כדלעיל אות סט).

איבערדעם, די תורה וואָס הקב"ה האַלט, האָט ער אויך איבערגעגעבן פאַר אידן [וזהו נקרא **נתתי לכם את "תורתי"**].

### עו

והקב"ה הזהיר לישראל, **אם אין אתם שומרים את הדינים** להתנהג במשפטי התורה,
**אני נוטל את** "תורתי", דהיינו הכח שנמסר לחכמים לפסוק גם בשמים ולבטל הגזירות רעות

האָט ער אָבער געזאָגט דאָ, אַז [אויב] מ'איז נישט משמר את הדינים **אני נוטל את "תורתי"**, דעמאָלט ווערט אַוועקגענומען 'דער' כח [שיש לישראל לפעול ולפסוק למעלה בשמים], דעם 'אייבירשטענס' תורה [שנמסר לישראל. אָבער] אידן האָבן ווייטער אַ תורה [וצריכין לקיים כל המצות, וכדלעיל בקושיא א (אות ג)].

אָבער דאָס וואָס דער 'בורא כל עולמים' [חזר ונטל את כח הפסק בשמים מן החכמים בבי"ד שלמטה], אַז ס'איז געבליבן ביים בית דין 'של מעלה' [לפסוק כרצונם], איז זייער שווער, ממילא קען מען נישט אויסהאַלטן [הגזירות והצרות]. ווייל **חלילה במקום שאין דין למטה** דעמאָלטס **איז יש דין למעלה**, אַז ס'איז **יש דין למטה** איז **נישטאָ קיין דין למעלה**[נט], ווייל [כשיש דין למטה כראוי, אז הכלל כי] דעס וואָס דער 'בורא כל עולמים' ברויך צו טאָן אין די "עולמות העליונים" ווערט אויך געטאָן [און אפגע'פסק'עט] ביים בית דין 'של מטה'. [ועל זה אמרו כאן במדרש] אָבער **אם אין אתם שומרין את הדינים** [אָז חלילה נשאר כח הפסק רק למעלה, ושם יש הרבה מקטרגים ח"ו ואין מי שיבטלם מלמטה].

**דאָס איז דער פשט אני נוטל את "תורתי" מכם** [ומיושב קושיא א. וכן מיושב קושיא ב, כי גם הרישא שאמר "תורתי" מיירי מענין כח הנמסר לבית דין שלמטה].

---

[נט] **בדברים רבה** (ה, ה): ר' אליעזר אומר, במקום שיש דין אין דין, ובמקום שאין דין יש דין. ומהו כן, אלא אמר ר"א, אם נעשה הדין למטה אין הדין נעשה למעלה, ואם לא נעשה הדין למטה, הדין נעשה למעלה.

KolSatmar.com

**עז**

**ישוב קושיא ג**

אבל אם אתם שומרים את הדינים, הריני 'מחזיר' בתי דינים "שלכם", שיהיה לכם הכח לפסוק בשמים לטובת ישראל

**איבערדעם זאָגט ער** [ווייטער], **נו וואָס'זשע דען, ואם אתם שומרים את הדינים אני "מחזיר" לכם בתי דינים "שלכם", וועלן ענקערע בתי דינים** [יהיה להם כח הפסק בשמים, וכדכתיב] **וְאָשִׁיבָה 'שֹׁפְטַיִךְ'** [כְּבָרִאשֹׁנָה].

[ואם כן דברי המדרש לא קאי על מה שנתבטלו הסנהדרין פעם אחת לאחר החורבן, אלא על דבר השייך תמיד בכל דור, דאם יש דין למטה כראוי אז נתתי לכם כח תורתי, ואם לאו אני נוטל מכם זה הכח. וממילא מיושב קושיא ג, ודו"ק].

**עח**

[ומסיים המדרש מה כתיב אחריו], **צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה לאָזט אויס דער מדרש אויף דעם, אַז צִיּוֹן "בְּמִשְׁפָּט" תִּפָּדֶה** [בזכות המשפטים תהיה הגאולה].

**עט**

**היוצא מזה לענין מצב דורינו:**

(עד סיום הדרוש)

במדרש כאן מבואר דענין הגאולה תלוי בשמירת המשפט, וכדכתיב ציון במשפט תפדה

**פון דעם זעט מען, ס'איז מבואר בפירוש 'דאָ' און כסדר אויף 'כמה מקומות'** (עי' שבת קלח: ומגילה יז:), **אַז 'דאָס' איז די גאולה, אַז די גאולה איז תלוי אין דעם אַז ס'איז דאָ "שופטי ישראל" אַזוי ווי מ'ברויך, שופטי ישראל,** [וזהו שאמר] **צִיּוֹן "בְּמִשְׁפָּט" תִּפָּדֶה, דורכדעם וועט זיין וְאָשִׁיבָה שֹׁפְטַיִךְ כְּבָרִאשֹׁנָה, אַז מ'וועט משמר זיין את הדינים. אַז דאָס איז תלוי אין דעם.**

**פ**

ואף שבפשטות קאי גם על יחידים שאינם מתדיינים במשפטי התורה ח"ו, אבל אינו דומה לאם אנשים מזרע ישראל מעמידים בתי משפט כאלו ששופטים במשפטי עכו"ם ולא במשפטי התורה, יכולין להבין מכאן עד כמה היא מעכבת את הגאולה

**על אחת כמה וכמה** [למה שקרה בדורינו]. (ההמשך בד"ה אבער)

**דעס וואָס ס'טרעפט זיך 'יחידים', וואָס זיי גייען נעבעך אין "בתי דינים של עכו"ם", מ'נעמט זיך אַרויס פון "דיני תורה", דאָס איז אַ חטא פאַר זיך, דאָס איז אויך נישט גוט.**

**דאָס איז דער פשטות** [בכוונת המדרש שהזהירו אותנו לשמור את "הדינים"], **אין פשטות שמועסט מען דאָך פון 'דעם',** [להתדיין במשפטי התורה ולא במשפטי עכו"ם].

**אָבער** [על אחת כמה וכמה], **ס'איז נאָך נישט קיין דמיון, - קאָן מען דאָך פאַרשטיין, - חלילה אַז דער כלל ישראל** [לא רק יחידים], **אַז אידן אַליין נעמען זיך אַ 'ממשלה' מיט "משפטי עכו"ם"**[ס].

---

[ס] עיין ויואל משה (א, קא) וז"ל: הנה ידוע גודל האיסור לילך בערכאות עכו"ם, וכתב רש"י ז"ל בפרשת משפטים (כא, א) דהוא מייקר שם אלילים. ולשון הרמב"ם (סוף הלכות סנהדרין) והטור ושו"ע (חו"מ סימן כו) דהוי כאלו חירף וגידף והרים יד בתורת משה, והוא שבשביל שמניח תורת ה' התמימה ובוחר בדיני גויים הרי הוא בזה כמודה לדתם. ועיין בש"ך (חו"מ שם, טו) שחמור יותר המקבל עליו סתם לדון בדיני גוים ממי שמקבל עליו גוי פלוני שסומך עליו ומהימן בעיניו, כי עיקר החומרא הוא בשביל שהיא דיני גויים. וכל זה מיירי אף ביחיד שהולך לדיני גויים לטובתו ולהנאתו, ואינו בשביל שנותן יותר חשיבות לדיני גוים, אלא בשביל תאות ממונו שחושב להשיג יותר בזה, ומכל מקום הוי כמו חירוף וגידוף וכו'.

ולפי זה המחוקקים חוקי עכו"ם לכוף את ישראל לחוקיהם בכל דבר, הן בדיני ממונות ונפשות ועריות, אף שיש להם רבנים ודיינים המשרתים אותם, אבל במשפטיהם רוצים רק בחוקי עכו"ם, ובכוונה עוזבים לגמרי

KolSatmar.com

**קאָן מען דאָך פאַרשטיין** [מהפסוקים והמדרשים] **ווי ווייט דאָס איז מעכב די גאולה. דער פסוק שרייט געוואַלד: צִיּוֹן ״בְּמִשְׁפָּט״ תִּפָּדֶה!**

**פא**

וגם הרעו לנו בזה, בביטול כח חכמי הדור לבטל הגזירות רעות בשמים

**בעוונינו הרבים קאָן מען זען** [מדברי המדרש אלו] **ווי ווייט מ׳האָט זיך ווי געטאָן** [מיט דעם] **אַז אידן אַליין זענען אין ׳דעם׳ אַריין, און ס׳האָט זיך גאָר געטראָפן אידן ׳שומרי תורה׳** [וואָס] **מ׳האָט מקבל געווען אויף זיך גאָר ״שופטי ישראל״ וואָס זענען מיט ״משפטי העכו״ם״ אינגאַנצן.**

**מיט דעם האָט מען ׳דאָס׳ צוגענומען,** [הכח שהיה ביד ישראל לפעול בשמים ביטול הגזירות]**, הקב״ה האָט געזאָגט אני נוטל** [״תורתי״].

**פב**

**אופן ב בישוב קושיא א - לפי מצב דורינו**

(עד אחר אות פח)

בעוה״ר רואין שדברי המדרש מתפרש גם לפי פשוטו, והוא ״רוח הקודש״ על מצב דורינו, שבמה שלא שמרו את הדינים, ע״י ששומרי תורה קיבלו והשתתפו בממשלת ישראל ששופטים במשפטי עכו״ם ואינם מתחשבין עם משפטי התורה, עי״ז עולה בידם לגזור גזירות רעות נגד הדת וליטול את התורה מישראל פשוטו כמשמעו

**היצט זעט מען טאַקע דעם פשט על פי פשוט** [בכוונת אומרו אני נוטל תורתי מכם, דיתפרש גם כפשוטו ממש על גזירות של ביטול שמירת התורה רח״ל, דהכוונה כי] **אַז מ׳נעמט אויף זיך** [אַזעלכע] **״שופטי ישראל״ וואָס זענען שופט מיט ״משפטי עכו״ם״,** [מיט דעם] **מאַכט מען אַזעלכע ״גזירות״ חלילה**[סא] [שהם בבחינת] **״נוטל תורתי מכם״ על פי ׳פשטות׳ טאַקע, פון ״אידן״ נעמט מען צו די ״תורה הקדושה״.** [דבכח מה שגם שומרי תורה תומכים ומחזקים בידי הרשעים הציונים ומשתתפים עמהם, בכח זה עולה בידם לפעול יותר גזירות רעות ח״ו נגד התורה והאמונה][סב].

---

את התורה הקדושה, זה גרוע הרבה יותר מהילוך בערכאות בשביל תאות ממונו, דאילו כשהולך בערכאות בשביל תאות הממון אינו אלא ׳כחירוף׳ וגידוף בכ״ף הדמיון, אבל זה הוא ׳חירוף׳ וגידוף ממש.

והאומות העושין כן מקיימין בזה מצוה, כי בני נח נצטוו על הדינים ולא קבלו את התורה הק׳, ואדרבה גוי העוסק בתורה חייב מיתה, אם כן נצטוו רק על ככה לעשות להם דינים כפי שכלם ומקיימין בזה המצוה, אבל ישראל שקבלו את התורה הקדושה ונבחרו בזה מכל העמים, ואם מבעטים בתורה הקדושה לחוקק להם חוקי עכו״ם, הרי זה ודאי כפירה גמורה בתורה הקדושה, וברור שיש בזה הענין בלבד איסורא דיהרג ואל יעבור, מלבד האיסורים האחרים שיש בזה שדינם כך כמו שכתבתי למעלה. וכל חברי אותה הכנסת שנתייסדה בחוקים האלה, המה שותפים באיסור הנורא הזה, והיעלה על הדעת שיהיה בזה איזה היתר להשתתף עמהם.

אבל עוד גרוע יותר מה שאומרים בפירוש שאין צורך ח״ו להתורה הק׳ כלל, ומפורש יוצא בדבריהם שעשו ממשלת ישראל בארץ הקודש רק בחוקי מדינה לא בחוקי תורה, ואף הדתיים שבכנסת כשמבקשים שם איזה ענין הנוגע לדת תורתינו הקדושה, אומרים רק שמבקשים חוק הדעמוקראציא, ואי אפשר לומר שם כלל שמבקשים בזכות דיני התורה, שבזה כולהו מודי שהיא מדינה בלי תורה, אלא מדינה של מינות וכפירה רחמנא ליצלן, והכל יודעין שכל התורה הקדושה מלאה מזה שאי אפשר לארץ ישראל בלא תורה, והכתוב צוח (יחזקאל לג, כו) עֲמַדְתֶּם עַל חַרְבְּכֶם וְהָאָרֶץ תִּירָשׁוּ, בתמיה.

[סא] כגזירת ״גיוס בנות״ ושאר גזירות, שעמד אז על הפרק בשנת תשי״ד.

[סב] ועיין **ויואל משה** (א, קטז) וז״ל: וכל מי שיש לו מח בקדקדו יוכל להבין ברור, כי אילו לא היו משתתפים האגודה ביניהם ומתחממים מהם, היו יכולים ללחום יותר בחוץ לארץ עבור התורה הקדושה, והיו באים לעזרת ה׳ בגבורים כדת של תורה, והיה בזה כח גדול של עוד כמה רבנים וראשי ישיבות, והיה בזה השפעה יותר גם על ההמון, ובודאי היה בזה פעולה גדולה למנוע אותם מהרבה גזירות ועניני העברת הדת, ויוכל להיות שאז היה מועיל אצלם גם בקשות ותחנונים, שהיו פונים יותר לדברי יראי ה׳ מחמת שלא היה להם חיזוק כל כך מכל מיני דתיים. לא כן עכשיו, שגם האגודה ביניהם ובידם, ויש להם מזה חיזוק רב, הפסידו הכל. - ומה שנמנעים

KolSatmar.com

### פג

**זעט מען דער "מדרש" איז גאָר "רוח הקודש"** [על מצב דורינו]**, דער מדרש האָט גאָר געזאָגט רוח הקודש, אם אין אתם שומרים את הדינים, אַז מען 'פּאַרזעט' דאָס, אַז מ'גייט פון דעם אַוועק** [עי"ז גורמים ח"ו לביטול שמירת התורה ע"י גזירות הרשעים]**.**

### פד

ובעוה"ר גם השומרי תורה אשמים בדבר זה, במה שלא לחמו נגד הרשעים הציונים בעוד מועד,
ואדרבה תמכו בידים והשתתפו עמהם

**בעוונינו הרבים אַז מ'האָט זיך דאָס אַליין גענומען, דער עון הדור האָט דאָס גורם געווען** [כל הגזירות רעות האלו, ווייל] **מ'האָט דאָס 'געשטיצט', מ'האָט דאָס 'מיטגעהאַלטן', אוי די ביטערע עבודה זרה** [של עגל הציונות]**.**

**אוי לָנוּ שֶׁכַּךְ עָלְתָה בְּיָמֵינוּ.**

### פה

ויהודי שעוד לבו נאמן לה', עליו להכיר כי ממשלה זו הוא אסון היותר גדול שקרה להכלל ישראל

**בעוונינו הרבים, ווער ס'איז נאָר אַ איד, ער גלייבט ס'איז דאָ אַ באַשעפער, איז ער מחוייב** [צו] **אַנערקענען ווי ווייט דאָס איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר'ן כלל ישראל!.**

**אַלע צרות וואָס זענען געווען אויף אידן, האָבן זיך נישט אָנגעהויבן אַקעגן דעם!.**

**בעוונינו הרבים 'דאָס' האָט אַלעס גורם געווען** [כל הצרות שאירעו לישראל בשנים האחרונים][סג]**.**

### פו

ואם היו ישראל בבחינת שומרים את הדינים, לא היו יכולין לקבל
להשתתף בממשלת ישראל שהוא עם משפטי עכו"ם, ומבלי להזכיר שם ה'

[ומהמדרש הנזכר] **פון דעם זעט מען, הקב"ה האָט געזאָגט, ווען מ'איז אָבער שומרים את הדינים, ווייסט מען דאָס קען נישט זיין מ'זאָל אויף זיך נעמען אַ ממשלה פון אידן** [ששופטין במשפטי עכו"ם]**, - מילא אַ גוי איז נישט מְצֻוֶּה**[סד] **- אַ ממשלה פון אידן מיט משפטי עכו"ם!**

**אוי חלילה אַז מ'לייגט אַוועק דעם נאָמען פון השם יתברך**[סה]**, דאָס זאָלן אידן אויף זיך נעמען?!, אין דעם זאָל אַ איד אַ טייל נעמען?!, וואָס ער הייסט נאָך אַ "איד", וואָס ער איז אַ מאמין אין הקב"ה?!**

**אוי! ווי קען מען גאָר אַזוינס נעמען אויפ'ן געדאַנק אפילו!, בעוונותינו הרבים.**

**אָבער אַז מ'איז שומר את הדינים, אַז מ'ווייסט אַז ס'איז דאָ "דיני ישראל" אויף דער וועלט, ממילא קאָן מען צו דעם נישט קומען.**

---

באיזה ענינים לעשות נגד הדת, הוא ברור שאין זה אלא מפחד העולם שבחוץ לארץ ומאותן שלא נכנסו בשום מפלגה ולא נתעוררו עיניהם ויכולים להגיד האמת וכו'.

[סג] או הכוונה כדלעיל, דע"י שתמכו בהם והשתתפו עמהם, עי"ז גרמו למה שסובלים מהם הגזירות רעות נגד היראים.

[סד] על משפטי ישראל, רק על סתם משפט, לפי דעתם ושכלם (כי זה שבכלל יהיה ענין של 'דינים' ביניהם, הוא אחד מהז' מצות בני נח). - ועיין זה בדברי רבינו המובא לעיל בהערה ס (ד"ה והאומות). - וז"ל הישמח משה (בפרשתן, ד"ה עוד על המדרש): ואף דבן נח נצטוה על הדינין (סנהדרין נו:), כבר תירץ הרמב"ם (מלכים ט, יד) דהיינו שיעשו להם נימוס וסדר, אבל איך ישפטו לא הודיעם.

[סה] עיין מה שכתב רבינו בזה בויואל משה (מאמר א, סימן ק).

KolSatmar.com

**פז**

**איבערדעם אַז מ'איז נישט שומר את הדינים, איז אני נוטל את תורתי, זעט מען הקב"ה 'לאָזט צו' די "גזירות", דער בורא כל עולמים לאָזט צו די גזירות.**

**בעוונינו הרבים ווייסט מען** [דען] **נאָך ווי ווייט ס'וועט גיין?! אַז מ'זעט מ'פאַרלייגט זיך אויף די תורה הקדושה!.**

**ס'זאָל חלילה נישט מקויים ווערן די גאַנצע מימרא, אני נוטל את תורתי, מ'זאָל חלילה נישט צונעמען די גאַנצע תורה!**

[כי בעוה"ר] **מ'איז אונטער די וואָס זענען נישט "שומר הדינים".**

**פח**

**מ'פלאָגט זיך אַזוי די מפרשים וואָס דער פשט איז** [בדברי המדרש] **אני נוטל את תורתי מכם, אַזוי אַרום** [לפי המצב שקרה בעוה"ר] **זעט מען וואָס דער פשט איז.**

**פט**

## [דברי הכנה והסברה, על החיוב לצאת "למחאה" נגד הציונים][סו]

אף אם אין בכוחינו להכניע את הרשעים ולהפר מזמתם, מוטל עלינו עכ"פ לפרסם "משפט",
ולגלות את האמת בשער בת רבים, ובזכות זה "תפדה" ציון וירושלים

**דער מדרש לאָזט אויס,** [מה כתיב אחריו]**, צִיּוֹן "בְּמִשְׁפָּט" תִּפָּדֶה.**

**ס'קען זיין** [הכוונה, דבא להורות ס'זאָל זיין] **כאָטש צִיּוֹן "בְּמִשְׁפָּט", אַז מ'זאָל כאָטש "אויסזאָגן דעם אמת", אַזויפיל** [כאָטש זאָל זיין] **אַז מ'זאָל מאַכן אַ "מִשְׁפָּט"**[סז]**.**

**מ'האָב מיר גאָרנישט קיין כח** [ללחום עם הרשעים]**, נאָר אַז מ'מאַכט אַ "משפט", מ'זאָגט אויס אַ 'משפט אמת', וועט דער אייבירשטער העלפן ס'וועט זיין תִּפָּדֶה, וועט אונז דער בורא עולם אויסלייזן.**

**עפעס אַנדערש** [האָב מיר] **גאָרנישט.**

**מיט'ן שכל אנושי, בידים, קען מען גאָרנישט טאָן. בידים איז גאָרנישט דאָ קיין עצה,** [עכשיו שבעוה"ר] **מ'האָט זיך אַרונטער געוואָרפן** [תחת השפעת הרשעים, והשתתפו עמהם].

**מ'איז נישט געווען קיין "רואה את הנולד"** [לברוח מהם ומהמונם] **ווען די צייט איז געווען. ווען די צייט איז געווען האָט מען גאָרנישט געטאָן** [ללחום נגדם, ואדרבה] **מ'איז 'מיטגעגאַנגען'.**

**מ'האָט נישט 'צוגעהערט' די "אזהרות" פון "אונזערע צדיקים פונעם פריערדיגן דור" וואָס זיי האָבן געשריגן "געוואַלד"! [נגד כתות הציונים וסייעתם].**

**זיי האָבן דאָס אַלעס געזאָגט 'פאָראויס'.**

---

[סו] בימים האלו התכונן רבינו לערוך לראשונה מחאה אדירה ברחובות עיר לעיני כל העמים, נגד הציונים וגזירת "גיוס בנות" ו"שירות לאומי", שעמד אז על הפרק. ואתו עמו כמה מגדולי ישראל שבימים ההם. המחאה התקיימה נגד הקאנסולאט של הציונים ביום ב' תצוה ה' אדר א' תשי"ד, ולמרות שהיה אז קור ושלג גדול השתתפו ציבור גדול של כמה אלפים שומרי תורה ומצות, וגם גדולי האדמורי"ם משאר קהלות ואף גדולי ליטא. וכאן ביאר רבינו בדבריו אחד מן הכמה טעמים שיש בחיוב מחאות אלו, דהוא עבור החיוב לגלות את האמת ולהוציא משפט אמת, אפילו באופן אם ח"ו לא יועיל למנוע הגזירות בארץ.

[סז] כי אחד מן הפירושים של תיבת "משפט" הוא ענין בירור הדברים לאמתתן, וכמבואר ברש"י פרשת תצוה (כח, ט ו).

״אונזערע צדיקים פון פריערדיגן דור״ האָבן אַלע געזאָגט, ס׳וועט נישט גוט זיין אַז מ׳וועט גיין דעם דרך!

בעוונינו הרבים מ׳איז נישט ״עומד בנסיון״ געווען, אוי! דער בעל דבר האָט פאַרשמירט די אויגן, מ׳האָט ״מסמא עינים״ געווען [כדברי המדרש בקושיא ד], [און] מ׳האָט דאָס ׳געשטיצט׳.

דורכדעם איז געקומען אַזוי ווייט, איז געווען דער ״עונש״ אַז ס׳איז געשען טאַקע [שהצליחו אחר כך בהקמת מדינתם].

מ׳איז נישט געווען קיין ״רואה את הנולד״.

[ועי״ז יצא העגל הזה, והגיע המצב, אַז] היינט בעוונינו הרבים קען מען זיך גאָרנישט העלפן, נאָר וואָס דען, [אַזויפיל קען מען טון] אַז מ׳זאָל כאָטש ׳אויסזאָגן דעם אמת׳ ״בפרהסיא״, וועט דער אייבערשטער העלפן ער וועט אונז אויסלייזן[סח].

[ועל זה רומז הכתוב] צִיּוֹן ״בְּמִשְׁפָּט״ תִּפָּדֶה. טאָן קען מען גאָרנישט, [נאָר] דאָס ״משפט״, אַז מ׳זאָל מאַכן אַ ״משפט אמת״, מ׳זאָל מיר ״אויסזאָגן דעם אמת״, וועט זיין צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט ״תִּפָּדֶה״, אַז דער בורא כל עולמים וועט אונז העלפן.

## צ

## ברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל זיך דערבאַרעמען.

דער בורא כל עולמים זאָל אָנקוקן [די] צובראָכענע הערצער פון אידן, אוי וויי!

דאָס גרויסע ביטערע שפלות.

אוי! הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם עַל עַמּוֹ וְעַל אַרְצוֹ.

## צא

מ׳האָב מיר נישט קיין שום עצה [אחרת], נאָר בדין הוא שיצאו חפשי, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט, [עבור] שסימיתי את עינם.

אוי בעוונינו הרבים מ׳האָט ״מסמא עינים״ [געווען].

לעולם, איך העט מיך עס נישט, איך העט מיך אפילו נישט געטרויעט עס צו זאָגן [לתלות הסמיות עינים של ישראל בו ית׳], נאָר דער מדרש זאָגט דאָך אַזוי, אַז הקב״ה זאָגט ״אני״ הוא שסימיתי את עינם. אוי השם יתברך האָט מסמא עינים געווען[סט].

---

[סח] ועיין ויואל משה (א, קיג): ואין ספק שיש לחשוב אפשרות שיהיה אולי קצת תועלת ״במחאות״ כאלה, שימנעו על כל פנים לפעמים מלהרבות כל כך ״בגזירות״ של הפרת הדת, שהחיוב למסור נפשו על זה. ועל כן אחר הנסיונות המרובות של כמה וכמה שנים, שנתברר שלא הועיל אצלם שום השתדלות ותחנונים למונעם מהפרת הדת, הכי יש לישב לגמרי בחיבוק ידים עד אשר יעשו הכל ח״ו כחפצם ורצונם בהפרת הדת בלי שום מפריע. ועל כל פנים חיובא רמיא לזעוק זעקה גדולה ומרה בחוצות וברחובות על חילול השם ותורתו הקדושה באופן נוראה שלא היתה כזאת בישראל מעולם.

[סט] כנראה הכוונה בזה ללמד זכות על ישראל, דמה שחטאו הוא בסיבת הסמיות עינים הבא להם מן השמים (כמו שהזכיר רבינו לעיל אות לב, ואות נו).

והוא על דרך שאמרו בגמרא ברכות (דף לב) במה שאליהו אמר (מלכים א׳ יח, לז) וְאַתָּה הֲסִבֹּתָ אֶת לִבָּם אֲחֹרַנִּית, אמר רבי שמואל בר רבי יצחק, מנין שחזר הקדוש ברוך הוא והודה לו לאליהו, דכתיב (מיכה ד, ו) וַאֲשֶׁר הֲרֵעֹתִי. אמר רבי חמא ברבי חנינא, אלמלא שלש מקראות הללו נתמוטטו רגליהם של שונאי ישראל, חד דכתיב וַאֲשֶׁר הֲרֵעֹתִי, וחד דכתיב (ירמי׳ יח, ו) הִנֵּה כַחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר כֵּן אַתֶּם בְּיָדִי בֵּית יִשְׂרָאֵל, וחד דכתיב (יחזקאל לו, כו) וַהֲסִרֹתִי אֶת לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר. רב פפא אמר מהכא (שם, כז) וְאֶת רוּחִי אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם וְעָשִׂיתִי אֵת אֲשֶׁר בְּחֻקַּי תֵּלֵכוּ. - ועיין בזרע קודש (פרשת נצבים, ד״ה ושב) מה שכתב בזה.

ס'איז טאַקע געווען דורך אַ חטא [ובדרך עונש, וכדכתיב] כִּי מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם (וכדלעיל אות מו), **מ'זעמיר אָבער נישט 'עומד בנסיון' געווען.**

**צב**

**אוי וויי, אונז קאָן מיר זיך נאָר בעטן צום בורא עולם.**

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, "אַזוי ווי מ'זעמיר", מ'זאָל מיר נאָך זוכה זיין צו זען די ישועה.** [וכמו שפירשנו ברמז הכתוב] **אֲשֶׁר יֹאמַר "כִּי הוּא זֶה"** [(וכדלעיל אות לח-מ)].

[ויתקיים] **וְאָשִׁיבָה שֹׁפְטַיִךְ כְּבָרִאשֹׁנָה וְיֹעֲצַיִךְ כְּבַתְּחִלָּה.**

**מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה.**

**ס'זאָל מגין זיין דער זכות פון די פריערדיגע צדיקים אויף אונז.**

**און** [דער זכות פון] **דעס פּיצעלע אמונה, אַז מ'גלייבט נאָך ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט.** [וכפירוש הקדושת יו"ט בלשון הסליחות חון אום אשר לשמך הוא מאמין, כדלעיל (אות כד)].

דער בורא כל עולמים זאָל אונז העלפן במהרה.

ער זאָל אונז אויפהייבן מֵאַשְׁפּוֹת דַלוּתֵינוּ.

מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען די ישועה, ממילא וועט מען דאָך אונז 'דערלייכטן די אויגן' [ולא יהיה עוד סמיות העינים].

מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען בביאת משיח צדקינו, בנחת ובשמחה, בקדושה ובטהרה, ובישועת עולם. בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com